NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04916

DOS ERSHTE BUKH

Yosef Vol

Permanent preservation of this book was made possible
by Mervin Rosenbaum
in memory of
his aunts Anne Colford and Minnie Rubin, who loved books

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Library of Bureau of Jewish Education
Cleveland, Ohio

יוסף וואָל

דאָס ערשטע בוך

7e 442

טייל „ב"

ארויסגעגעבען פון
פֿערלאַג „שולע און היים"
הויפּטפּארקויף:
מ. נ. מייזעל, 422 גרענד סט., ניו יאָרק.

אינהאַלט:

זייטעל

די ליליע און די בין (מעשה) — — — 1
די פּאַווע (אַגדה) — — — 6
קעסטעלאַך (ליד) — — — 8
דער טאַן (מעשה), פון דייטש — — — 10
פּרינץ און דער האָן (מעשה) — — — 13
דער גליקליכער קנאַקער (מעשה) — — — 16
דער מאַן און די קאָרענבלום (מעשה), פון דייטש — — — 19
מאַדאַם פּיטען (פּאָלקסליד) — — — 23
דער קיניג און דער אויערהאָן (אַגדה) — — — 24
דאָס העזעלע און די פּרעש (מעשה) — — — 29
דער פוקס און דער פּישער (מעשה) — — — 31
די זיידעס און די באָבעס (ליד), פון מאַני לייב — — — 33
איטעלעס העלפאַנטען (מעשה) — — — 34
וועמען איז בעסער? (מעשה) פון רוסישען — — — 38
דער טאָרט (ליד), פון ענגעלס'עס ליד.־זאַמל. „פאַר שול און היים“ 40
די מאַלפּעס און די יאַרמעלקעס (מעשה), פון דייטש — — — 41
איך און זעלדע (ליד), פון ל. קאַפּילאָוויטש — — — 44
גיטעלע און די וועווערקע (מעשה) — — — 45
אָרעמקינד און רייכקינד — — — 47
די זיבען קינדער (פּאָלקסליד) — — — 51
דער אָקס און די פליג (פאַבעל) — — — 53
קאָן איך ניט פאַרשטיין (ליד), פון יהואָש — — — 55
אַרויסגעכאַפּט זיך (מעשה), באַארב. — — — 57
מיין ליליע (ליד) פון יוסף וואָל — — — 59
דאָס פערד און דער פּראָש (מעשה), פון טאָלסטאָי — — — 60
דער ווינט (ליד), פון ל. קאַפּילאָוויטש — — — 63
וואָס גאָט טוט, איז גוט (אַגדה) — — — 64
בידזשו (מעשה) — — — 65
מיינע פּאַסאַזשירען (ליד), פון יוסף וואָל — — — 69
דער באַשטראָפטער שמעטערלינג (מעשה) — — — 71
דאָס קראַנקע קינד (ליד), פון יהואָש — — — 74
דער קלאָאון (מעשה) — — — 75
הערבסט (ליד) פון יוסף וואָל — — — 78
אומזיסטער שרעק (מעשה) — — — 80
וויגליד, פון ד. איינהאָרן — — — 83
סולטאַן (מעשה) — — — 84
יאָסעלעס פראַגעס (מעשה), נאָך י. שטיינבערג — — — 89

די ליליע און די בין

אַמאָל איז געווען אַ יונגער פּרינץ. ער האָט געהאַט אַ קאָפּ גאָלדענע האָר און אויך אַ גאָלדען האַרץ. האָבען איהם אַלע גערופען „גאָלדענער פּרינץ."

איין טאָג האָט זיך גאָלדענער פּרינץ געלאָזט וואַנדערן איבער גאָר דער וועלט, רייטענדיג אויף אַ פלינקען פערד. אין וועג האָט גאָלדענער פּרינץ באַגעגענט אַ גוטען צויבערמאַן. רופט ער זיך צום צויבערמאַן אָן: „זאָג מיר, איך בעט דיך, ווער איז די שענסטע און גוט־הערציגסטע פּרינ־צעסין אויף דער וועלט, און וואו געפינט זי זיך? איך וועל אַהין אַוועקרייטען און זי נעמען זיך פאַר אַ ווייב."

טוט דער צויבערמאַן אַ קוק אין אַזאַ שפּי־געלע און ענטפערט: „מיין ליבער פּרינץ, הינ־טער הויכע בערג און הינטער געדיכטע וועלדער איז פאַראַן אַ גרויסער טייך. אין מיטען טייך

ליגט אַ קליינער אינדזעל. אויף דעם אינדזעל שטייט אַ הויכער קיניגליכער שלאָס פון ווייסען מירמעלשטיין. אין דעמדאָזיגען שלאָס וואוינט די שענסטע, גוט־הערציגסטע פרינצעסין אויף דער וועלט. זי הייסט „ווייסע פרינצעסין,״ ווייל אַליין איז זי ליכטיגער פון דער זון און אָנגעטאָן איז זי אַלע מאָל אין ווייסען.

„צוזאַמען מיט ווייסער פרינצעסין וואוינט דער קיניג, אַן אַלטער, בייזער מאַן. ער איז איהר שטיפטאַטע. דערדאָזיגער קיניג האָט אַ העס־ליכען זוהן, וועלכער איז קרום, איינאויגיג און מיט אַ שרעקליכען הויקער אויף דער פלייצע. דער קיניג וויל, זיין זוהן זאָל זיך נעמען ווייסע פרינ־צעסין פאַר אַ ווייב. דעריבער, פאָלג מיך, ליבער פרינץ. גיי ניט אַהין. דיר קאָן זיך דאָרט מאַכען אַ גרויס אומגליק.״ ביי דידאָזיגע רייד איז דער צויבערמאַן פאַרשוואונדען.

אַך, גאָלדענער פרינץ האָט זיך מיט דעם צויבערמאַנס וואָרענונג ניט גערעכענט. אויף זיין פלינקען פערד האָט ער זיך גלייך אַוועקגע־

לאָזט זוכען דעם מירמעלשטיינענעם שלאָס פון דער ווייסער פּרינצעסין.

ווען דער אַלטער, בּייזער קיניג האָט זיך דער־וואוסט, אַז צו איהם קומט אַ גאַסט, האָט ער גע־הייסען מאַכען אַ גלעזערנע בּריק. דערבּיי האָט ער אָנגעזאָגט די וועכטער, אַז גאָלדענעם פּרינץ זאָלען זיי אַריינפירען אין שלאָס ניט אַנדערש, ווי איבּער דערדאָזיגער בּריק. דער קיניג האָט זיך געטראַכט: „ווי נאָר גאָלדענער פּרינץ וועט אַרויפטרעטען אויף דער גלעזערנער בּריק וועט זי דאָך גלייך פּלאַצען און איינפאַלען. גאָלדע־

נער פּרינץ וועט זיכער אומקומען, און ווייסע פּרינצעסין וועט שוין ניט ווערען זיין ווייב."

ווייסע פּרינצעסין האָט פון איהר שטיפּ־טאָטענס בייזע פּלענער ניט געוואוסט. דער־הערט, אַז גאָלדענער פּרינץ קומט צו זיי גאַסטען, האָט זי זיך אָנגעטאָן נאָך שענער, ווי אַלע מאָל, און אַרויף אויף דער גלעזערנער בריק צו באַגע־גענען דעם ליבען גאַסט. אָבער ווי נאָר גאָלדע־נער פּרינץ איז אַרויף אויף דער בריק, איז זי מיט אַ שרעקליכען קראַך איינגעפאַלען און מיטגע־שלעפּט אין טיפען טייך אַריין אי גאָלדענעם פּרינץ, אי ווייסע פּרינצעסין.

דאָך איידער גאָלדענער פּרינץ און ווייסע פּרינצעסין זיינען דערטרונקען געוואָרען, האָט זיך פאַר זיי באַוויזען דער גוטער צויבערמאַן, פאַרשטעלט פאַר אַ שוואַן. „אויף גיך, קינדער!" האָט ער אויסגערופען. „אייך ראַטעווען קאָן איך ניט. אָבער דערפאַר קאָן איך אייך פאַרוואַנדלען אין עפּעס אַנדערש. זאָגט מיר שנעל, וואָס ווילט

איהר זיין ? איהר האָט נאָך צו לעבען ניט מעהר, ווי אַ האַלבע מינוט צייט.״

רופט זיך אָן ווייסע פרינצעסין : „גוטער צוויבערמאַן, איך וויל זיין אַ ליליע, וואָס בליהט אַלע יאָר ווייסער און שענער.״ גאָלדענער פרינץ האָט געזאָגט : „און איך, גוטער צוויבערמאַן, וויל זיין אַ גאָלדענע בין, וואָס קומט אַלע יאָר טרינקען די האָניג פון דער ווייסער, שיינער ליליע.״ האָט דער גוטער צוויבערמאַן געטאָן זייער ווילען.

אין אַ יאָר אַרום איז אויף דעם קליינעם אינדזעל, האַרט ביי דעם ווייסען מירמעלשטיינערנעם שלאָס, געוואַקסען אַ גרויסע, וואונדערשיינע, ווייסע ליליע. אַ גאָלדענע בין איז פריילין איבער איהר אומגעפליגען, געזומט אַ ליד און געטרונקען פון איהר בעכער זיסע, שמעקעדיגע האָניג.



די פּאַווע

אַז גאָט האָט שוין געהאַט באַשאַפען אַלע פויגלען, האָט ער זיי צונויפגערופען און געשאָנ־קען יעדען איינעם אַ באַזונדערע פאַרב. וואו האָט גאָט די פאַרבען גענומען? פון אַזוינע קליינע קעסטעלאַך, וואָס ער האָט געהאַלטען אין איין גרויסען קאַסטען.

איין פויגעל האָט באַקומען די ווייסע פאַרב, אַן אַנדערער — די רויטע, אַ דריטער — די גרינע, און אַזוי נאָכאַנאַנד, ביז אַלע פאַרב־קעסטע־לאַך זיינען געבליבען ליידיג. געקראָגען זייערס, זיינען זיך די פויגלען פאַנאַנדערגעפלויגען, יעדער איינער אין זיין זייט אַריין, גליקליכע און צופרי־דענע פון זייערע שיינע קליידער.

מיט אַ מאָל קומט אָן אַ גרויסער פויגעל, די פאַווע. זי האָט נאָך קיין שום פאַרב ניט באַקומען. רופט זיך אָן צו איהר דער אויבערשטער: „טאָכטער מיינע, פאַרוואָס אַזוי שפּעט? איך האָב דאָך שוין אַלע מיינע פאַרבען פאַרטיילט.“

צעווינט זיך די פּאַווע: „האַר פון אַלע וועלטען! צי דען וועסטו מיך קריוודען? באַקלער נאַר, אַלע פויגלען קוקען אויס שיין. יעדער איינער פון זיי פאַרמאָגט זיך זיין אייגענע פאַרב. אָבער איך?“ מאַכט גאָט: „ווייסטו וואָס, פּאַווע? אין מיינע פאַרב־קעסטעלאַך זיינען געבליבען וואו ניט וואו קליינע טראָפּענדלאַך, רעשטען פון די פאַרטיילטע פאַרבען. איז אויב דו ווילסט, נעם זיך דיר די דאָזיגע טראָפּענדלאַך. אַלע צוזאַמען וועלען זיי דיר מאַכען דאָס שענסטע פון אַלע פויגעל־קליידער.“

די פּאַווע האָט אויפגעהערט וויינען. זי האָט זיך גענומען די פאַרשיידענע רעשטען פון אַלע פאַרב־קעסטעלאַך, און פון יעמאָלט אָן איז זי טאַקע דער שענסטער פויגעל אויף דער וועלט.



קעסטעלאַך

שפּילען מיר אין קעסטעלאַך, קעסטעלאַך,
קומט אַרויס אַ הון.
הון, הון, וואָס גיסטו ?
„איך גיב אַן איי !“
די הון גיט אַן איי,
שפּילען מיר ווייטער אַזוי.

שפּילען מיר אין קעסטעלאַך, קעסטעלאַך,
קומט אַרויס אַ האָן.
האָן, האָן, וואָס גיסטו ?
„איך גיב אַ קריי !“
דער האָן — אַ קריי,
די הון — אַן איי,
שפּילען מיר ווייטער אַזוי.

שפּילען מיר אין קעסטעלאַך, קעסטעלאַך,
קומט אַרויס אַ גאַנדז.
גאַנדז, גאַנדז, וואָס גיסטו ?
„איך גיב גאַ־גאַ־גאַ !“

די גאַנדז — גאַ־גאַ־גאַ,
דער האָן — אַ קריי,
די הון — אַן איי,
שפּילען מיר ווייטער אַזוי.

שפּילען מיר אין קעסטעלאַך, קעסטעלאַך,
קומט אַרויס אַן ענטעל.
ענטעל, ענטעל, וואָס גיסטו ?
„איך גיב קוואַ־קוואַ־קוואַ !“
דאָס ענטעל — קוואַ־קוואַ־קוואַ,
די גאַנדז — גאַ־גאַ־גאַ,
דער האָן — אַ קריי,
די הון — אַן איי,
שפּילען מיר ווייטער אַזוי.

אַ פ ר אַ ג ע: וועלכע אַנדערע שפּילען ווייס דער קלאַס ?

דער טאַן

אין וואַלד איז געוואַקסען אַ בוים. דאָס איז געווען אַ הויכער טאַן מיט נאָדלען אָנשטאָט בלעטער. די גרינע נאָדלען זיינען גאַנץ שיין ווינטערצייט, אָבער זומערצייט קוקען גרינע בלעטער אוים פיל שענער.



איז דער טאַן געוואָרען טרויעריג און האָט אַזוי געטראַכט: „קיינער וויל אונטער מיין שאָ־טען ניט קומען. אַך, ווען איך וואָלט געהאַט בלעטער פון עכטע גאָלד! דאַן וואָלט די גאַנצע וועלט מיך ליב געהאַט מעהר פון אַלע אַנדערע בוימער!“

אויף מאָרגען כאַפּט זיך אויף דער טאַן פון שלאָף, דערזעהט ער אויף זיך בלעטער פון עכטע גאָלד. זיי האָבען אַזוי געפינקעלט אין שיין פון דער זון! איז דער טאַן געווען גליקליך, איבער־גליקליך. „קיין בוים" — האָט ער מיט זיך אַליין געשמועסט — „האָט ניט אַזוינע שיינע בלעטער, ווי איך!"

נאָר באַלד איז אָנגעקומען אַ פּויער מיט אַ גרויסען זאַק. דערזעהען די גאָלדענע בלעטער, האָט דער פּויער זיי אָפּגעפּליקט און אַוועקגע־טראָגען אין זיין זאַק. איז דער טאַן געוואָרען נאָך טרויעריגער און האָט אויסגערופען: „אַך, קענ־טיג, אַז עס איז גלייכער צו האָבען בלעטער פון גלאָז, איידער פון גאָלד. ווי גוט עס וואָלט געווען צו האָבען גלעזערנע בלעטער!"

אויף מאָרגען האָט דער טאַן שוין געהאַט גלעזערנע בלעטער. אין דעם שיין פון דער זון האָבען זיי געפינקעלט, ווי עכטע דימענטען. אָבער באַלד איז געקומען פון פעלד אַ שטורעם. ער האָט געבויגען און געטרייסעלט אַלע ביימער,

און די שיינע גלעזערנע בלעטער דעם טאַנס האָבען זיך אַלע צעבראָכען.

איצט האָט שוין דער טאַן געוועלט האָבען גרינע בלעטער. אָבער ווי נאָר ער האָט די גרינע בלעטער באַקומען, איז אָנגעלאָפען אַ ציג, וואָס האָט זיי גלייך אויפגעגעסען. האָט זיך דער טאַן צעוויינט: „סאַראַ נאַר איך בין! ניט די גאָלדענע, ניט די גלעזערנע און ניט די גרינע בלעטער זיינען האַלב אַזוי גוט, ווי מיינע אַלטע נאָדלען.“

ווי נאָר דער טאַן האָט אַזוי געזאָגט, האָבען די אַלטע גרינע נאָדלען ווידער באַדעקט זיינע צווייגען. האָט די זון אין הימעל זיך געפרייט און אַלע בוימער אין וואַלד האָבען זיך געפרייט. אָבער מעהר פון אַלעמען האָט זיך געפרייט דער טאַן אַליין.

גליכווערטלאַך: 1) דאָס אויג איז גרעסער פון מויל. 2) פליה ניט הויך, וועסטו ניט פאַלען נידעריג.

פרינץ און דער האָן

פרינץ איז געווען אַ שטילער, אַרטיגער הונט, און דערפאַר האָבען איהם אַלע ליב געהאַט. פון בייסען זיך האָט פרינץ ניט געהאַלטען, און אומזיסט האַווקען אויף אימעצען האָט ער אויך פיינט געהאַט. נו, האָט פרינץ געפירט אַ רוהיג לעבען. פונדעסטוועגען איז ער ניט געווען אין גאַנצען צופרידען.

אין זיין הויף האָט די באַלעבאָסטע געהאַלטען פיל הינער. וויפיל הינער, האָט פרינץ קיינמאָל ניט געקאָנט איבערציילען. די הינער פלעגען לייגען אייעלאַך, אַזוינע ווייסינקע, קלאָרינקע, און פון צייט צו צייט פלעגען זיך פון דידאָזיגע אייעלאַך אַרויספּיקען קליינע, ליבע הינדעלאַך. פרינץ האָט אַזוי האָלט געהאַט צו קוקען אויף די הינדעלאַך פון דער וויטען, ווי זיי שפּאַצירען זיך אום איבער דעם גאַנצען הויף און זוכען זיך אַ ווערעמעל אין דער ערד אָדער טרינקען וואַסער פון אַ רינע!

צווישען אַלע הינער און הינדעלאַך האָט זיך געפונען אַ גרויסער, געלער האָן מיט אַזאַ לאַנגען עק און אַזאַ רויטען קאַם אויף דעם קאָפּ. דעם־דאָזיגען האָן האָט עס פרינץ פיינט געהאַט מיט דעם גאַנצען האַרצען. פאַרוואָס? טאַקע דער־פאַר, וואָס דער האָן איז אַלע מאָל אומגעגאַנגען



מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ און געקוקט אויף אַלע־מען שטאָלץ, פון אויבען אַראָפּ.

„איך בעט אייך, מיט וואָס נעמט זיך דער־דאָזיגער האָן אַזוי איבער?“ — פלעגט פרינץ אָפט פרעגען. — „גייט זיך אום שלינג און שלאַנג

און שרייט גלאַט אין דער וועלט אַריין: קוקו־ריקו, קוקו־ריקו! אַך, קוקען אויף איהם קאָן איך דאָך ניט! טאָמער מאַכט זיך דיר אַמאָל אַ שיינער טאָג, די זון שיינט אַזוי ליב אַרונטער, און דו לייגסט זיך אויף אַ ווײַלע צו, ווי עס פירט זיך, כאַפּען אַ דרעמעל, אָפּרוהען — ערשט באַלד קומט ער דיר צו גיין, דער פּוסטער שרייער, און הויבט אָן געוואַלדעווען אויף זיין קוקוריקאָ־שטיי־גער, אַז דו כאַפּסט זיך אויף פון שלאָף ניט טויט, ניט לעבעדיג. מיינסט, עס ברענט אָדער די וועלט גייט אונטער."

„ווי גוט עס וואָלט זיין," — האָט פּרינץ איין מאָל געשמועסט מיט זיך אַליין — „ווען די באַ־לעבאָסטע כאַפּט דעמדאָזיגען האָן און לאָזט איהם שוין שעכטען! אוי, עס וואָלט דאָך יע־מאָלט געוואָרען אַ ליכט אין די אויגען!"

מיט אַ מאָל באַווייזט זיך די באַלעבאָסטע און טרייבט דעם גרויסען, געלען האָן אין שטאַל אַריין. דאָרטען האָט זי דעם האָן געכאַפּט און דאָן אַרויסגעטראָגען אין הויף אַ געבונדענעם.

אַך, פאַר גרויס פרייד האָט פרינץ ניט גע־וואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך! ווי הייסט, מיט זיינע אייגענע אויגען זעהט ער דאָך, ווי ענדליך, ענדליך טראָגט די באַלעבאָסטע אַוועק שעכטען דעם פאַרהאָסטען האָן. גליקליך, איבער־גליקליך, האָט פרינץ אויסגערופען: „רעכט אויף דיר, רעכט אויף דיר, דו נאַרישער שרייער! וואָלסטו זיך אויפגעפירט מיט לייטען גלייך, וואָלט מען דיך געלאָזט צורוה. ביסטו אָבער געווען אַ גרויס־האַלטער, איז נאַ דיר, באַקום דיין גערעכטע, פאַרדינטע שטראָף, און זאָל דיר זיין צוגעזונט!“

דער גליקליכער קנאַקער

איינער האָט אַמאָל געמאַכט פון אייזען אַ קנאַקער. אַ גרויסער איז דער קנאַקער געווען און אַ שיינער. גייט דער קנאַקער אַוועק אין

וואַלד שפּאַצירען. דערזעהען איהם די בוימער און זאָגען: „גוט מאָרגען, הער קנאַקער!“

„גוט מאָרגען, מיינע ליבע בוימער!“ — האָט זיי דער קנאַקער געענטפערט. — „צי ווילט איהר ניט, אַז איך זאָל עפּעס טאָן פאַר אייך? פאַר דיר, עפּעלבוים, קאָן איך צעקנאַקען דיינע עפּעל, און פאַר דיר, באַרענבוים, דיינע באַרען.“

צעלאַכען זיך די בוימער און זאָגען: „ניין, הער קנאַקער, מיר ווילען ניט! אונדזערע עפּעל און באַרען האַלטען מיר פאַר די גוטע שטאָטלייט, אָבער ניט פאַר דיר.“

גייט דער קנאַקער אַוועק ווייטער און באַגעגענט אַ קליינע וועווערקע, ווי זי זיצט און קנאַקט געשמאַקע נים. רופט דער קנאַקער אוים: „גוט מאָרגען, ליבע וועווערקע! צי ווילסטו ניט, אַז איך זאָל דיר העלפען קנאַקען דיינע נים?“

„ניין, הער קנאַקער!“ — האָט איהם די וועווערקע געענטפערט. — „איך האָב קליינע שאַרפע ציינדלאַך, און מיט זיי צעקנאַק איך אַליין אַלע מיינע נים. איך דאַרף דיך ניט, הער קנאַקער.

נאָר אויב דו ווילסט, איז גיי אַריבער צו די שטאָט־לייט. זיי דאַרפֿען דיך האָבען. ביי זיי וועסטו קריגען זיך אַרבעט גענוג, איבער־גענוג.״

האָט דער קנאַקער אַזוי געטאָן. געקומען צו די שטאָטלייט, זאָגט ער זיי: „גוט מאָרגען, מיינע ליבע לייט! די וועווערקע פון וואַלד האָט מיך געשיקט צו איך. האָט איהר עפעס אַרבעט פאַר מיר?״

„געווים, הער קנאַקער!״ — האָבען איהם די שטאָטלייט געענטפערט. — „מיר האָבען פאַר דיך גרויסע זעק מיט ניס; נאַ, צעקנאַק זיי פאַר אונדז.״ און זינט דאַן איז דער גרויסער, שיינער קנאַקער גליקליך, איבער־גליקליך, וואָס ער ברענגט די שטאָטלייט אַזוי פיל נוצען, קנאַקענדיג פאַר זיי די ניס.

דער מאָן און די קאָרענבלום

צינדט	שאָרט ניט
בינדט	גערעדט
שניידט	געקליידט
מיידט אויס	געווענדט
פאַרשווינדט	פאַרשווענדט

אַמאָל האָט ערגעץ אין אַ לאַנד געלעבט אַ קליינע פּרינצעסין. אַ שטאָלצע איז זי געווען און האָט אַלע מאָל זיך געקליידט אין רויטען. צו זיך האָט די פּרינצעסין געהאַט אַ דינסט־מיידעלע, וואָס האָט זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון איהר. געקליידט האָט זיך די דינסט־מיידעלע אין בלויעם און איז געווען ניט קיין שטאָלצע, נאָר אַ ליבליכע און אַ פריינדליכע צו אַלעמען.

די דינסט־מיידעלע האָט אַלע טאָג געקעמט דער פּרינצעסינס האָר מיט אַ גאָלדענעם קאַם, גע־געבען איהר עסען פון אַ גאָלדענעם טעלער און טרינקען פון אַ גאָלדענער טאַס. אויך אַלע צאַצ־קעס דער פּרינצעסינס זיינען געווען פון גאָלד,

און אַלע טאָג האָט די שטאָלצע פּרינצעסין אַזוי גערעדט: „מיין פאָטער איז דער גרעסטער און רייכסטער קיניג אויף דער וועלט.“

איין מאָל זיינען דאָרפלייט געקומען שניידען די קאָרען פון פעלד. דערזעהט דאָס די קליינע פּרינצעסין און ווענדט זיך צו איהר דינסט־מיידעלע: „קום, לאָמיר גיין זעהען, ווי מען שניידט די קאָרענזאַנגען און ווי מען בינדט זיי אין גאַרבען.“

„גוט מאָרגען, שיינע פּרינצעסין!“ — האָבען די דאָרפלייט געזאָגט, ווען די פּרינצעסין מיט דער דינסטמיידעלע זיינען געקומען אין פעלד. אָבער די שטאָלצע פּרינצעסין האָט פאַרריסען דעם קאָפּ און ניט געענטפערט. בלויז די דינסט־מיידעלע האָט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל אַרויסגערעדט: „גוט מאָרגען, ליבע לייט!“

פּלוצלונג דערזעהט די פּרינצעסין אַ גרויסען שוואַרצען וואָלקען. ווענדט זי זיך צו די דאָרפּלייט און שרייט אויס: „אַ רעגען קומט! אַ רעגען קומט! בויט מיר גלייך אויס אַ שטיבעלע פון

די קאָרען!" זאָגען די דאָרפלייט: „אָבער שיינע פרינצעסין, דער וואָלקען פאַרשווינדט באַלד. אָט זעהט זיך שוין דער בלויער הימעל. דער וואָלקען מיידט אונדז אויס און עס וועט ניט רעגענען."

„ניט גערעדט! ניט גערעדט!" — איז די פרינצעסין בייז געוואָרען. — „איך בין דעם קעניגס טאָכטער, און עס שאָדט מיר ניט צו האָבען אַ הויז פון קאָרען." האָבען די דאָרפלייט געמוזט טאָן דער פרינצעסינס ווילען. אָבער דער פרינצעסינס דינסט־מיידעלע איז געוואָרען אומעטיג. זי האָט זיך געטראַכט: „נעבאַך, די דאָרפלייט בויען דאָס הויז פון קאָרען, און זייערע קינדער וועלען ווינ־טער ניט האָבען וואָס צו עסען."

פיל צייט און מיה האָבען די אָרעמע דאָרפ־לייט פאַרשווענדט און באַלד איז דאָס שטיבעלע פון קאָרען געווען פאַרטיג. איז די פרינצעסין אַריין אינווייניג און די גוטהאַרציגע דינסט־מיידע־לע נאָך איהר. מיט אַ מאָל צינדט זיך אָן אַ גרויס פייער און פאַרברענט דאָס הויז פון קאָרען. אומ־זיסט האָבען די גוטע דאָרפלייט געוועלט די צוויי

קונדער ראַטעווען. די שטאָלצע פּרינצעסין און איהר דינסט־מיידעלע זיינען אומגעקומען.

אין אַ וואָך אַרום האָבען זיך באַוויזען צוויי קוויטען אויף יענעם אָרט, וואו דאָס קאָרענע הויז איז פריהער געשטאַנען: איינע פון די קוויטען איז געוועזען אַ קליין בלוי קאָרענבלימעלע, און די אַנדערע — אַ שטאָלצער, רויטער מאָן. האָבען די דאָרפלייט אַזוי גערעדט: „דאָס בלויע קאָרענ־בלימעלע איז דער פּרינצעסינס גוטהאַרציגע דינסטמיידעלע, און דער רויטער מאָן איז די שטאָלצע פּרינצעסין אַליין."

אַ גלייכווערטעל: נאַרישקייט און שטאָלץ וואַקסען אויף איין האָלץ.

מאַדאַם פּיטען

מאַדאַם פּיטען
איז געריטען
אויף אַ ווייסען ציגענבאָק;
דאָבע די גראָבע
איז געגאַנגען טאַנצען
און פאַרלאָרען דעם אונטערראָק!

ר ע ט ע נ י ש ע ן: 1) וואָס ווערט אַ ציג נאָך זי־בען יאָר? 2) מיט וואָס איז אַ באָק ערעמער פון אַלעמען?

דער קיניג און דער אויערהאָן

אַמאָל האָט געלעבט אַ גרויסער אידישער קיניג. איין מאָל, ווען ער האָט זיך געפיהלט שטאַרק אויפגעלייגט, שיקט ער רופען צוזאַמען אַלע קיניגען, וואָס אַרום זיין לאַנד, יענע זאָלען קומען אָנקוקען זיין רייכטום און זיין גרויסקייט.

צו פאַרוויילען די געסט האָט דער קיניג געהייסען ברייגגען פון די זעלטענסטע פידלען, צימבלען, פלייטען און פויקען. דערצו נאָך האָט דעראָזיגער קיניג געהאַלטען אין זיין מאַכט אַלע פיר־פיסיגע און געפליגעלטע ברואים פון דער גאַנצער וועלט, אויך די טיוואָלים און שרעטלאַך. באַפעלט ער זיי צו קומען. פאַרזאַמלען זיי זיך אַלע — ניט געבונדען, ניט געשמידט און ניט געפירט פון קיינעם. הייסט זיי דער קיניג טאַנצען און שפּריגען פאַר זיינע געסט, און זיי האָבען געטאָן זיין ווילען.

צוזאַמען מיט אַלע פויגלען האָט געזאָלט קומען אין קיניגס פּאַלאַץ אויך דער אויערהאָן. כאַפּט זיך אָבער דער גרויסער קיניג, אַז דעראָ־

זינגער פויגעל פעהלט. ווי הייסט, ווי דערוועגט זיך דאָס דער אויערהאָן ניט צו קומען ? און אַן איינגעבּראַכטער, הייסט דער קיניג דעם פויגעל רעכט באַשטראָפען .

האָט זיך אָבּער דער אויערהאָן באַלד באַוויזען און געווענדט זיך צום קיניג מיט אַזוינע רייד :
„גרויסער האַר, אומזיסט זידט אין דיין האַרצען אַ פּאַרדראָס אויף מיר. הער מיך נאָר אויס. שוין אַ לאַנגע צייט טראַכט איך אַלץ, און ווייסטו וועגען וועמען ? טאַקע וועגען דיר אַליין, מיין קיניג. איך האָבּ מיך אַנומעלט געלאָזט פליהען איבּער גאָר דער וועלט צו זעהען, אויבּ עס איז נאָך פאַראַן ערגעץ אַ לאַנד, וואָס ווייס ניט פון דיין גרויסקייט און פאָלגט ניט דיין געבּאָט.

„אַזאַ לאַנד האָבּ איך געפונען. ווייט איז עס פון דאַנען. אין עסיג און אין האָניג באָדט זיך עס. די זאַמד דאָרטען איז טייערער פון גאָלד, און זילבּער וואַלגערט זיך, ווי מיסט, אין די גאַסען. אַלטע, וואונדערליכע בוימער וואַקסען אין יענעם לאַנד נאָך פון די טעג, ווען די וועלט איז באַשאַ־

פען געוואָרען. פאַראַן דאָרטען פיל האָרען מיט קרוינען אויף די קעפּ, נאָר אָנציהען אַ פּיילען־בויגען קאָנען זיי ניט, און ווי צו שלאָגען זיך ווייסען זיי ניט — אַ פרוי געוועלטיגט איבער זיי. אויב דו, מיין האַר, ווילסט, דאַן לאָז איך זיך אַוועק אין יענעם לאַנד אַריין און ברייננ דיר דיראָזיגע האָרען געשמידטע אין קייטען."

די זאַך איז דעם קיניג שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט אַוועקגעשיקט דעם אויערהאָן מיט אַ בריוו צו דער קיניגין פון דעם ווייטען לאַנד.

פון דעם בריוו האָט די קיניגין פאַרשטאַנען, אַז מען רופט זי צוגאַסט. שיקט זי נאָך אַלע איהרע שיפער און זעגלער און באַפעלט זיי אַזוי: „לאָדט אָן פולע שיפען מיט פּימס־האָלץ און קאַ־ ראַלען, דימענטען און פּערעל. אויך זעצט אַרויף זעקס טויזענט אינגלאַך און זעקס טויזענט מייד־ לאַך, אַלע געבאָרענע אין איין טאָג, אַלע פון איין הויך און אַלע געקליידט אין פּורפּער־וואָל." דערצו האָט זי זיי מיטגעגעבען אַ בריוו, אין וועל־ כען זי האָט אָנגעזאָגט, ווען זי פאָרט אַרויס.

אַז די קיניגין איז ענדליך אָנגעקומען אין דעם לאַנד פון דעם גרויסען אידישען הערשער, איז ער אַרויס זי אויפנעמען. זיך באַקענט, האָט די פרוי גלייך גענומען אויספּרואווען דעם קיניגס קלוגשאַפט. זי האָט איהם געגעבען אַזאַ רעטע־ניש: „פון דער ערד קריכט דאָס אַרויס, ווי וואַ־ סער גיסט זיך דאָס אויס, און פילט אָן דאָס גאַנצע הויז; וואָס אַזוינס איז דאָס?"

דער קלוגער קיניג האָט גלייך באַשיידט די־ דאָזיגע רעטעניש מיט איין וואָרט — „נאַפט."

פאַרוואָס? ווייל נאַפט געפינט זיך אין דער ערד, אַזוי ווי ברונענוואַסער, און ווי וואַסער, קאָן מען נאַפט אויסגיסען; דערצו נאָך צינדט מען נאַפט אָן — אין אַ לאָמפּ — אויף צו באַלייכטען דאָס הויז.

דערנאָך האָט די הערשערין פון דעם ווייטען לאַנד באַשיידט עטליכע רעטענישען, וואָס דער אידישער קעניג האָט איהר געגעבען, און אַזוי אַרום האָבען זיי זיך באַלד שטאַרק באַפריינדט. זי האָט ניט געקאָנט זיך גאָר אָפּוואונדערען פון זיין גרויסקייט, קלוגשאַפט און רייכטום; און איהם ווידער, איז שטאַרק געפעלען געוואָרען איהר זעלטענע שיינקייט.

אַ צופרידענער דערפון, האָט דער גרויסער קעניג פאַרגעבען דעם אויערהאָן זיין זינד, און יענער איז געבליבען אומבאַשטראָפט.

דאָס העזעלע און די פרעש

אין וואַלד האָט געוואוינט אַ קליין העזעלע. שווער און ביטער איז דעם העזעלע געווען צו לעבען. פאַר יעדען איינעם האָט עס, נעבאַך, געציטערט, אי פאַר די יעגער מיט די ביקסען, אי פאַר די הינט מיט די שאַרפע ציין. און דער־פאַר איז דאָס אָרעמע העזעלע אַלע מאָל געווען טרויעריג.

איין טאָג האָט זיך דאָס העזעלע פאַר־טראַכט: „ווי שלעכט עס איז מיר! ווי אומגליק־ליך איך בין! פון אַלעמען דאַרף איך אַנטלויפען, שטענדיג היטען זיך, שטענדיג באַהאַלטען זיך; פון מיר אָבער אַנטלויפט קיינער ניט, קיינער שרעקט זיך ניט פאַר מיר. אַך, ניין, איידער אַזאַ לעבען, איז דאָך שוין גלייכער דער טויט.“ און דאָס העזעלע איז אַוועק צום טייך דערטרינקען זיך.

ביים ברעג טייך, אויף די זאַמד, האָבען זיך געפונען עטליכע פרעש — איינער אַ גרויסער

פֿראָש און צוויי קליינע פֿרעשעלאַך. אַלע דריי האָבן זיך געוואַרעמט אויף דער ליבער זון. ווען דאָס העזעלע איז צוגעקומען, האָבן זיך די פֿרעש דערשראָקן. ווי הייסט, אַזאַ גרויסער מאָנסטער גייט גלייך אויף זיי! און הענדום־פּענדום זיינען די פֿרעש גלייך געשפּרונגען אין וואַסער אַריין.

וואָס אָבער האָט דאָס העזעלע געטאָן? מיט גרויסע, פֿאַרוואונדערטע אויגען האָט עס צוגעקוקט, וואָס יענע טוען. „אַזוי גאָר!“ — האָט דאָס העזעלע אויסגערופֿן. — „פֿאַראַן אַזוינע, וואָס שרעקן זיך פֿאַר מיר אויך? כאַ, כאַ, אויב אַזוי, מעג איך נאָך לעבן ווייטער.“ און שטאַרק צופֿרידן דאָס ערשטע מאָל אין זיין גאַנצן לעבן, איז דאָס העזעלע אַוועק צוריק אין וואַלד אַריין מעהר שוין קיינמאָל ניט צו טראַכטן וועגן דערטרינקען זיך.

דער פוקס און דער פישער

אין שיינעם ווינטער־טאָג רופט זיך אָן דער אַלטער פישער: „ווייסטו וואָס, מיין ווייב? מאַך דעם אויוועז, באַק אָן לאַטקעס, און איך וועל אַוועקפאָרען כאַפּען פיש.“ געזאָגט און געטאָן.

אָנגעכאַפּט פיש, האָט דער אַלטער זיי אַריינ־געלייגט צו זיך אין שליטען און אַוועקגעפירט אהיים. אין וועג טראַכט ער זיך: „באַלד וועל איך עסען געשמאַקע לאַטקעס און געקאָכטע פיש“.

פלוצלונג דערזעהט דער פישער, אַז אין מי־טען וועג ליגט אַ פוקס, צונויפגעדרייט אין אַ קנויל, און רירט זיך ניט פון אָרט. מאַכט דער אַלטער: „באַשערט ברייגגען דער ווייב פוטער אויף אַ פעלץ!“ און גלייך שפּרינגט ער אַראָפּ פון שליטען, קומט צו צום פוקס און זעהט, אַז יענער איז טאַקע טויט. וואַרט ער ניט לאַנג, וואַרפט אַריין דעם פוקס צו זיך אין שליטען און לאָזט זיך פאָרען ווייטער.

אַך, דער גוטער פישער האָט ניט געוואוסט,

אַז דער פוקס האָט איהם אָפּגענאַרט! ניין, ניט קיין טויטער איז דער פוקס געווען, נאָר אַ לעבע־דיגער. ליגענדיג אין שליטען צווישען די פישען, האָט ער זיי איינציגווייז, איינציגווייז אַרויסגעוואָרפען ביז איינעם. דערנאָך איז ער שטילערהייט אַליין אויך אַרויסגעשפּרונגען און דאַן שוין גאַנץ רוהיג אָפּגעגעסען.



ווען דער אַלטער איז געקומען צו פאָרען אַהיים, רופט ער אויס: „נו, מיין ווייב, האָב איך דיר היינט געבראַכט אַ פוקס אויף אַ פעלץ, וועסטו שוין האָבען איין מאָל אַ פעלץ!“ דערפרייט זיך די אַלטינקע און פרעגט: „וואו? וואו?“ ענט־

פערט דער פישער: „דאָרטען אין שליטען האָסטו אי די פיש, אי דעם פוקס.“

לויפט די פישערין אַרוים צום שליטען, ערשט יענער איז אין גאַנצען ליידיג, ניטאָ ניט קיין פיש און ניט קיין פוקס! נו, האָט שוין דער אַלטער פישער פאַרשטאַנען, אַז דער פוקס האָט איהם אָפּגענאַרט. צעלאַכט ער זיך און מאַכט: „אָט דאָס הייסט אָפּגעטאָן! און איך האָב געמיינט, אַז דער פוקס איז אַ טויטער. פאַרפאַלען, מיין ווייב. היינט עסען מיר ניט קיין פיש, נאָר לאַטקעס אַליין.“

די זיידעס און די באָבעס

די זיידעס און די באָבעס
קומען פון אַלע עקען
מיט די גרויסע טאָרבעס,
מיט די לאַנגע שטעקענס.
און קינדערלאַך, וואָס וויינען,
ווילען גוט ניט זיין,
אין די גרויסע טאָרבעס
כאַפּען זיי אַריין.

איטעלעס העלפאַנטען.

איטעלע איז נאָך גאָר אַ קליין קינד. פונ־דעסטוועגען קאָן זי שוין לייענען און שרייבען אידיש. אויך קאָן איטעלע מאָלען. ווען עס קו־מען צו איהר צוגאַסט באַקענטע קינדער, מאָלט איטעלע פאַר זיי אַן אַלערליי בילדער.

אויף אַ געבורט־טאָג האָט דער טאַטע איין מאָל געשאָנקען איטעלען אַ שיין שפּילכעל, אַ היפּשען הילצערנעם העלפאַנט אויף אַזאַ גע־שטעל מיט פיר רעדלאַך. פון דעמדאָזיגען העל־פאַנט האָט איטעלע אָנגעמאָלט פאַר זיך אַ בילד. אויך האָט זי זיך אָנגעמאָלט אַ הינטעלע, אַ קע־צעלע און אַ לעמעלע.

איין טאָג האָט זיך איטעלע צוגעלייגט אָפּ־רוהען. די אויגען האָבען זיך איהר געשלאָסען, און באַלד האָט זי דערזעהען אַ מערקווערדיגע זאַך. אַלע אָנגעמאָלטע באַשעפענישען — דער העלפאַנט, דאָס הינטעלע, דאָס קעצעלע און דאָס לעמעלע זיינען אַראָפּ פון זייערע בויגעלאַך פּאַ־פּיר. אויך דער הילצערנער העלפאַנט איז אַרונ־

טער פון זיין געשטעל מיט די רעדלאַך. אַלע פיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ראָד און גע־נומען פריילעך טאַנצן.

דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אין די ווייכע שטולן און אָנגעפאַנגען פירן אַ לעבע־דיקן שמועס. יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן. נאָר צווערשט האָט איטעלע ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זיי ריידן. באַלד אָבער האָט זי דערהערט, ווי דער הילצערנער העלפאַנט דערציילט עפּעס וועגן זיך.

„אַמאָל האָב איך געזען אַ ווירקלעכן העלפאַנט אַזוי גרויס, ווי אַ הויז. מען האָט אים געבראַכט פון דעם ווייטן לאַנד הינדוסטאַן."

„וואָס איז דאָס פאַר אַ לאַנד?" — איז דער געמאָלטער העלפאַנט פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אין די רייד.

„ווי הייסט, וואָס פאַר אַ לאַנד?" — האָט דער הילצערנער העלפאַנט פאַרוואונדערט גע־ענטפערט. — „צי דען ווייסטו ניט? אין הינ־דוסטאַן וואוינען דאָך אונדזערע ברידער, די גרוי־

סע העלפֿאַנטען, און אויך אונדזערע פֿריינט, דער לייב, דער טיגער, דער לעמפּערט און אַלערליי אַנדערע פֿיר־פֿיסיגע ברואים.“



„אַך!“ האָט אַ זיפֿץ געטאָן דער געמאָלטער העלפֿאַנט. — „איך בין דאָך אין יענעם לאַנד נאָך קיינמאָל, קיינמאָל ניט געווען.“

„ווייסטו וואָס?“ — האָט דער הילצערנער העלפֿאַנט אויסגערופֿען. — „לאָמיר אַקאָרשט אַריבערלויפֿן אַהין. דעם וועג ווייס איך. ביז גיטעלע וועט זיך אויסשלאָפֿן, וועלן מיר שוין זיין צוריק.“

„טאַקע אַזוי, טאַקע אַזוי! לאָמיר לויפֿן.“

— האָט דער געמאָלטער העלפאַנט אויסגעשריען פאַר פרייד. ערשט דאָס הינטעלע, דאָס קעצעלע און דאָס לעמעלע האָבען גענומען בעטען זיך: „מיר ווילען אויך, מיט ווילען אויך מיטגיין!“

דערפון איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל, און איטעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט. דערשראָקענע, האָבען זיך אַלע דאַן פלינק אומגעקערט אויף זייערע ערטער: דאָס הינטעלע, דאָס קעצעלע און דאָס לעמעלע צוריק אויף זייערע בויגעלאַך פּאַפּיר, און דער הילצערנער העלפאַנט — צוריק אויף זיין געשטעל מיט די פיר רעדלאַך. קענטיג, עס איז די צוויי העלפאַנטען ניט באַשערט געווען אָנצוקוקען דאָס לאַנד הונדוסטאַן. ווען עטעלע האָט געעפענט די אויגען, האָט זי שוין געפונען אַלץ, ווי געווען.

װעמען איז בעסער?

כ'בעט	ס'איז	מיט'ן
כ'טו	ס'קומט	פאַר'ן
כ'היט	ס'הויז	אויפ'ן
כ'וויל	ס'לעבען	כ'מיין

אין פינצטערע נאַכט האָט אַ הונגעריגער, אויסגעמאָגערטער וואָלף זיך באַגעגענט ניט ווייט פון אַ דאָרף מיט אַ גרויסען, פעטען הונט. אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערען, האָבען זיי זיך צערעדט.

„הונט דו הונט, זאָג מיר נאָר, כ'בעט דיך," — מאַכט דער וואָלף — „פאַרוואָס גייט עס דיר פיל בעסער, איידער מיר? אָט קוקסטו אויס גאַנץ גוט; האָסט וואָס צו עסען און פאַר קיינעם דאַרפסטו זיך ניט שרעקען — דאַן ווען מיר ווערט גאָר ס'לעבען פון טאָג צו טאָג ביטערער, פון טאָג צו טאָג ערגער."

„איך האָב אַ באַלעבאָס" — האָט דער הונט געענטפערט. „כ'טו פאַר אידם אַלערליי אַרבעט. כ'היט פאַר'ן באַלעבאָס די שאָף אין פעלד און

ס'הויז אין דאָרף, דעריבער באַזאָרגט ער מיך מיט אַלצדינג."

„כ'מיין, אַז דו האָסט רעכט" — האָט דער וואָלף זיך אָנגערופען. — „איז צי וועסטו מיך טאַקע ניט מיטנעמען אין דאָרף אַריין, אַז אויך איך זאָל דאָרט קאָנען טאָן אַ וועלכע ס'איז אַרבעט?"



„רעכט," האָט דער הונט געענטפערט און אַוועק מיט'ן וואָלף אין דאָרף אַריין צו קריגען פאַר אידם וואָס צו טאָן. אין וועג באַמערקט דער וואָלף, אַז ביים הונט איז'ן האַלדז איז די פעל אָפגעריבען. פרעגט ער, פון וואָס דאָס איז דעם הונט געקומען. מאַכט יענער: „כ'וועל דיר

אויסזאָגעןָ. דאָס איז פון דער אײַזערנער קייט, צו וועלכער איך בין אַ גאַנצען טאָג צוגעבונ־דען.״

„אַזוי גאָר!״ — האָט דער וואָלף מיט אַ שמייכעל זיך אָנגערופען. „איז זיי זיך מיר געזונט. כ׳וויל ניט אַרבעטען פאַר דיינע דאָרפלייט. ס׳קומט מיר טאַקע אויס גאַנץ אָפט היפש אַ הונ־גער צו טאָן, אָבער דערפאַר בין איך אַלע מאָל פריי און ניט געבונדען.״

אַ גלייכוואָרטעל: דער טויט איז ליבער פון קנעכטשאַפט.

דער טאָרט

האָט מען אויף איטעלעס געבורט־טאָג
אויסגעבאַקט אַ גרויסען טאָרט —
אָט אַזוי איז ער הויך,
אָט אַזוי איז ער לאַנג,
אָט אַזוי איז ער ברייט,
אָט אַזוי איז ער דיק.
גרויסער טאָרט, זיסער טאָרט,
וועמען ליבסטו, גיב דיין אָרט!

די מאַלפּעס און די יאַרמעלקעס

איין מאָל איז אַ דאָרפסמאַן אַוועק אין שטאָט. אויפ'ן רוקען האָט ער געטראָגען אַ זאַק. אין דעמדאָזיגן זאַק האָט דער מאַן געהאַט אַ טוץ רויטע יאַרמעלקעס, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרקויפן אויפ'ן שטאָט־מאַרק. אין וועג איז דעם דאָרפסמאַן אויסגעקומען צו גיין דורך אַ וואַלד. דער טאָג איז דאַן געווען אַ הייסער, איז דער מאַן געבליבען אין וואַלד זיך אָפּצוקילען.

אַוועקגעלייגט דעם זאַק מיט די יאַרמעלקעס אויף דער ערד, האָט דער מאַן אַראָפּגענומען דעם שווערען הוט פון זיך, דאַן אָנגעטאָן איינע פון די רויטע יאַרמעלקעס אויפ'ן קאָפּ, זיך אויס־געצויגען אויף די גראָז און גענומען דרעמלען.

אַ היפּשע צייט איז דער מאַן געשלאָפן. ענדליך, אויפגעכאַפּט זיך פון שלאָף, האָט ער אַרונטערגענומען פון זיך די יאַרמעלקע און גע־וועלט זי אַריינלייגען צוריק אין זאַק. ערשט דער מאַן כאַפּט זיך, אַז דער זאַק איז ליידיג. שרייט ער,

אַ דערשראָקענער, אויס: „ווי הייסט, וואו זיינען דאָס מיינע יאַרמעלקעס?“

פלוצלונג, אין מיטען זוכען, דערזעהט דער מאַן צו זיין גרעסטער פאַרוואונדערונג, ווי אויבען אויף די בוימער זיצען עלף גרויסע, העסליכע מאַלפּעס, און יעדע איינע פון זיי האָט זיך אַ רויטע יאַרמעלקע אויפ'ן קאָפּ. רופט ער אויס:

„אַזוי גאָר, מיינע שיינע, קלוגע מאַלפּעס! דאָס האָט איהר די יאַרמעלקעס צוגעכאַפּט? אַך, ווי איידעל פון אייך, ווי פריינדליך! ווי דען, ווי דען! דאָס ווילט איהר מיר, קענטיג, אָן אַרבעט פאַרשפּאָרען. כ'מיין, ס'איז אַ פּלאַן. פאַרוואָס ניט? איהר וועט אַליין אַוועקטראָגען די יאַר־מעלקעס אויפ'ן מאַרק, זיי דאָרטען פאַרקויפען

און ברייננען מיר די געלט אהער. נאָר לאָמיר שמועסען פאַרקערט. צוואוואָס זאָל איך אייך, מיינע גוטע פריינד, באַמיהען? איך קאָן דאָך די יאַרמעלקעס אַליין פאַרקויפען. איז זייט מיר טאַקע אַזוי גוט און גיט מיר זיי צוריק.“

אָבער אומזיסט האָט דער מאַן אַזוי פיל געדעדט. די מאַלפּעס זיינען זיך געזעסען אויבען אויף די בוימער און ניט אויפגעהערט לאַכען. איז דאָך דער מאַן באַלד בייז געוואָרען און פאַר גרויס פאַרדראָס אַ וואָרף געטאָן אין זאַק אַריין די איינציגע יאַרמעלקע, וואָס איז איהם געבליבען.

נאָר מאַלפּעס זיינען ניט מעהר, ווי מאַלפּעס. דערזעהען וואָס דער מאַן האָט געטאָן, כאַפּען זיי פון זיך אַרונטער די יאַרמעלקעס און וואַרפען זיי אויך אַראָפּ אויף דער ערד. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָרפמאַן האָט זיך דאַן באַרוהיגט. ער האָט די יאַרמעלקעס אויפגעהויבען, אַריינגעלייגט אין זאַק אַריין און אַוועק מיט זיין וועג ווייטער. דערביי האָט ער אויסגערופען: „גרויסען דאַנק אייך, מיינע שיינע, קלוגע מאַלפּעס.“

איך און זעלדע

ס'האָט דער טאַטע איינגעפלאַנצט
בלימעלאַך אין הויף,
גיס איך וואַסער אַלע טאָג —
און זיי וואַקסען אויף.

איך און זעלדע וואַקסען מיר
גאָר אָהן וואַסער אויס,
און מיר זיינען ביידע שוין
ביז'ן טיש די גרויס.

ווי די מאַמע רייד איך שוין,
לויפען קאָן איך גיך;
זעלדע גייט שוין אויך אַרום,
אָבער ניט, ווי איך.

אַז איך נעם זי פאַר דער האַנט,
גייט זי מיט מיט מיר;
זי פאַרשטייט שוין, וואָס איך זאָג,
שפיל איך זיך מיט איהר.

גיטעלע און די וועווערקע

די קליינע גיטעלע האָט געהאַט אַ שווערען ווינטער. זי איז די גאַנצע צייט געלעגען אַ קראַנקע אין בעט. נאָר אָט איז געקומען דער ליבער פריהלינג מיט די שיינע, זוניגע טעג. די שלאַפע גיטעלע האָט זיך דערפיהלט בעסער. באַלד איז זי אַראָפּ פון בעט און אָנגעפאַנגען גיין אין דעם דערבייאיגען פאַרק אַריין. דאָרטען האָט זיך גיטעלע געשפּילט מיט איהר פּופּע אויף די גרינע גראָז אונטער די הויכע, שאָטענדיגע בוימער.

אין פאַרק האָט גיטעלע געהאַט אַ באַקענטע. דאָס איז געווען אַ קליינע וועווערקע, אַ גרויע און אַ פלינקע, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגעלאַך און אַ לאַנגען, שיינעם עק. אַלע טאָג פלעגט גיטעלע ברייגנען דער וועווערקע עפּעס צו עסען. איין מאָל איז גיטעלע געקומען אין פאַרק מיט אַ פולען זעקעלע ניס. ווי נאָר די וועווערקע האָט זיך באַוויזען, האָט גיטעלע גענומען וואַרפען צו איהר די ניסלאַך איינס נאָך דעם אַנדערען. די וועווערקע האָט אונטערגעכאַפּט די ניס גאַנץ געשיקט, זיי

גלייך צעקנאַקט און געגעסען מיט גרויס פאַרגע־ניגען.

פלוצלונג דערזעהט גיטעלע, ווי די וועווער־קע קערט זיך אָפּ אָן אַ זייט, מאַכט אַ גריבעלע און באַהאַלט עפּעס. פאַרוואונדערט זי זיך: „וואָס טוט דאָס די שטיפערין?" און באַלד האָט גי־טעלע די וועווערקע אָפּגעטריבען, איינגעבויגען זיך און אַרויסגענומען פון גריבעלע אַ ניסעל.

„אַזוי גאָר!" — האָט גיטעלע אַ טראַכט געטאָן. — „קענטיג, די וועווערקע גרייט זיך שוין אָן אויף ווינטער."

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך די וועווערקע ווידער באַוויזען, און די גוטע גיטעלע האָט נאָך אַ מאָל גענומען וואַרפען צו איהר די איבערגע־בליבענע ניסלאַך. די וועווערקע איז געווען גאָר ניט ווייט פון גיטעלען. שטרעקט גיטעלע אויס די האַנט און וואַרט, יענע זאָל זיך נעמען דאָס ניסע־לע ביי איהר. ערשט די וועווערקע האָט פלינק אַ דראַפּע געטאָן עטעלעם לאַנגען פינגער און גלייך אַנטלאָפען. צום גליק האָט גיטעלען ניט

שטאַרק ווי געטאָן; זי האָט זיך נאָר אַ ביסעלע איבערגעשראָקען.

„אַך, דו שלעכטס!" — האָט גיטעלע פּאַר גרויס פאַרדראָס אויסגערופען. — „פאַרוואָס קומט דאָס מיר? האָב איך דען געמיינט דאָס ניי־סעל פון דיין גריבעלע אָוועקצונעמען?" אָבער די וועווערקע האָט שוין ניט געהערט. זי איז געווען ערגעץ הויך, הויך אויף די בוימער.



אָרעמקינד און רייכקינד

אָרעמקינד און רייכקינד זיינען געווען צוויי קליינע מיידעלאַך. אָרעמקינד האָט זיך געפונען אין אַן אַלטען, נידעריגען שטיבעלע. רייכקינד האָט געוואוינט אין אַ גרויסען, ליכטיגען פּאַלאַץ.

דערפאַר איז אָרעמקינד געווען שיין און גוט־האַרציג, אָבער רייכקינד — העסליך און בייז.

איין מאָל האָט אָרעמקינדס מוטער געבראַכט אַ קליין, יונג לעמעלע. האָט אָרעמקינד מיט דעם לעמעלע זיך געשפּילט, דעם לעצטען ביסען מיט איהם געטיילט און צומאָל אין איין בעט מיט איהם געשלאָפען.

האָט זיך געמאַכט, אַז רייכקינד איז איין טאָג אַוועק שפּאַצירען, באַגלייט פון אַלע איהרע באַדינער. גייט רייכקינד פאַרביי אָרעמקינדס שטיבעלע און דערזעהט דאָס ליבע לעמעלע. שרייט רייכקינד אויס צו די באַדינער: „קריגט מיר דאָסדאָזיגע לעמעלע!" האָבען יענע געטאָן איהר ווילען. אומזיסט האָט אָרעמקינד ביטער געוויינט. אומזיסט האָט דאָס לעמעלע געבעטען זיך: „מע־מע, מע־מע!"

רייכקינד האָט געלאָזט פאַרשפּאַרען דאָס לעמעלע אין אַ שטאַל. דערביי האָט זי אָנגעזאָגט: „ווען דאָס לעמעלע וועט ווערען גרעסער און פעטער, זאָל מען עס שעכטען און מיר צוגרייטען אַ גוטען, געשמאַקען מאָלצייט."

אָבער אומזיסט האָט רייכקינד געוואַרט.
איין טאָג איז דאָס לעמעלע אַנטלאָפען פון שטאַל. די בייזע רייכקינד האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגען. זי האָט דאָס לעמעלע שיר ניט געכאַפּט. נאָר דאָס לעמעלע איז קוים מיט ניסים דערלאָפען ביז אַ גרויסען, געדיכטען וואַלד. אין דעמדאָזיגען וואַלד איז שוין דעם לעמעלע ניט שווער געווען צו באַהאַלטען זיך.

אַ לאַנגע צייט האָט רייכקינד דאָרט אומגעזוכט דאָס לעמעלע, אָבער ניט געפונען. ענדליך, פאַרמאַטערט פון לויפען, האָט רייכקינד זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוהען. דערווייל איז זי שטאַרק איינגעשלאָפען. איז געקומען אַן אַלטע, בייזע

וואַלד־פרוי און פאַרוואַנדעלט רייכקינדען אין אַ שוועמעל.

וואָס אָבער האָט דאָס לעמעלע געטאָן? עס האָט זיך צוריקגעקערט צו אָרעמקינדען. אַך, ווי גליקליך יענע איז געווען! זי האָט דאָס לעמעלע געהאַלדזט און געקושט. דערנאָך האָט אָרעמ־קינד דעם לעמעלע געגעבען עסען און געלייגט שלאָפען. דערביי האָט זי געזאָגט: „איין שיי־נעם טאָג וועל איך פון מיין טייערען לעמעלע אַראָפּשערען די וואָל. איך וועל די וואָל פאַרקוי־פען און פאַר די געלט באַקומען אַ קליין, זילבערן גלעקעלע. וועט לעמעלע אומלויפען אַהער און אַהין, און דאָס גלעקעלע וועט מאַכען דין־דין־דין!"

א גלייכוווערטעל: לייט מאַכען קליידער, אָבער ניט קליידער — לייט.

די זיבעט קינדער

זיצען, זיצען זיבען קינדער
ביים קוואַל און ברונען,
ביים קוואַל און ברונען.
זאָגט איין קינד צום אַנדערען:
„וואָלט מיין טאַטע קומען,
וואָלט מיין טאַטע קומען —
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר.אַ האָז
און געשפרונגען איבער די גראָז,
וואָלט מיר וואויל באַקומען,
וואָלט מיר וואויל באַקומען!"

זיצען, זיצען זיבען קינדער
ביים קוואַל און ברונען,
ביים קוואַל און ברונען.
זאָגט איין קינד צום אַנדערען:
„וואָלט מיין טאַטע קומען,
וואָלט מיין טאַטע קומען —
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בער,
און געשפרונגען אַהין און אַהער,

וואָלט מיר וואויל באַקומען,
וואָלט מיר וואויל באַקומען!“

זיצען, זיצען זיבען קינדער
ביים קוואַל און ברונען,
ביים קוואַל און ברונען.
זאָגט איין קינד צום אַנדערען:
„וואָלט מיין טאַטע קומען,
וואָלט מיין טאַטע קומען —
וואָלט איך זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בין
און געפלויגען אַהער און אַהין,
וואָלט מיר וואויל באַקומען,
וואָלט מיר וואויל באַקומען!“

דער אָקס און די פליג

אַ פערמער האָט איינגעשפּאַנט זיין אָקס אין אַן אַקער־אייזען און אַוועקגעלאָזט זיך באַארבעטען דאָס פעלד. אַקערן איז ניט קיין גרינגע אַרבעט, אָבער דער אָקס איז שוין געוועזן צו איהר געוואוינט.

פּאַמעליך און געדולדיג האָט דער אָקס געשלעפּט דעם אַקער־אייזען. ער האָט געוואוסט, אַז פּאַר נאַכט, נאָך אַ לאַנגען, שווערען טאָג אַרבעט, פירט איהם דער פערמער אַוועק אין שטאַל אריין. דאָרטען ליגט אויף דער ערד אויסגעשפּרייט ווייכע שטרוי, וואָס מאַכט אַזאַ באַקוועם, אָנגענעם בעט פאַר אַ מידען אָקס! אויך גיט איהם יעמאָלט דער פערמער אַ שיין ביסעל פרישע, געשמאַקע היי צו קייען.

פלוצלונג, אַזוי ווי דער אָקס האַלט אין מיטען אַקערן, קומט צו פליהען אַ פליג. זי האָט זיך געזעצט דעם אָקס אויף אַ האָרן און אָנגעפאַנגען זומען אַ ווידעריג, דערעסליך פליגענליד.

אַזוי זומענדיג, רופט זיך די פליג אָן: „מיין

ליבער אָקס, איך זעה, אַז דו, נעבאַך, ביסט אין גאַנצען באַדעקט מיט שוויים. קענטיג, אַז איך בין אַ צו שווערע פאַר דיר. איז שעם זיך ניט און זאָג מיר, וועל איך גלייך אַראָפּפליהען פון דיין האָרן און גיין אָפּרוהען ערגעץ אַנדערש — אויף אַ שטאַרקען בוים אָדער אַ הויכען באַרג.״



„שוויג, דו נאַרישע באַרימערין!“ — האָט דער אָקס רוהיג אָפּגעענטפערט. — „ווילסטו, פליה זיך דיר אַוועק. ווילסטו ניט, בלייב זיך דיר איבער. ווער אַרט דאָס? כלעבען, ווען ניט דיין ווידעריג זומען, וואָלט איך דאָך ניט אָנגע־הויבען גאָר וויסען, אַז דו שטייסט דאָרט ערגעץ אויף איינעם פון מיינע הערנער.״

קאָן איך ניט פאַרשטיין

קומט אַ פויגעל צו דער שויב,
קלאַפּט ער צוויי מאָל אָן.
— פויגעל שיין, דו פויגעל קליין,
וואָס זאָל איך דיר טאָן ?
„צוויץ־צוויץ־צוויץ !" און „צוויץ־צוויץ־צוויץ !"
און אַ וואָרט ניט מיין ;
צוויץ־צוויץ־צוויץ און צוויץ־צוויץ־צוויץ
קאָן איך ניט פאַרשטיין.

קומט אַ שטורעם פון דער ווייט,
רייסט ער אויף די טיר.
— שטורעם בייזער, זאָג מיר, וואָס
דו פאַרלאַנגסט פון מיר ?
„וואו־וואו־וואו !" און „וואו־וואו־וואו !"
און אַ וואָרט ניט מיין ;
וואו־וואו־וואו און וואו־וואו־וואו
קאָן איך ניט פאַרשטיין.

קום איך צו אַ וואַסערל,
הער איך, ווי עס שרייט.

— וואַסער ליבער, זאָג מיר, וואָס
דיין געשריי באַטייט ?
„פלו־פלו־פלו!“ און „פלו־פלו־פלו!“
און אַ וואָרט ניט מיין ;
פלו־פלו־פלו און פלו־פלו־פלו
קאָן איך ניט פאַרשטיין.

שושקעט זיך דאָס גאַנצע פעלד,
ווען איך גיי פאַרביי.
—זאַנגען ליבע, זאָגט, וואָס מיינט
אייער שושקעריי ?
„שו־שו־שו!“ און „שו־שו־שו!“
און אַ וואָרט ניט מיין ;
שו־שו־שו און שו־שו־שו
קאָן איך ניט פאַרשטיין.

אריינגעכאַפּט זיך

בענטשען	סטייטש
קנייטש	מענטש
גליטשען זיך	געוואונטשען

איין מאָל, פרייטאָג פאַר'ן ליכט־בענטשען — דאָס איז געווען ווינטערצייט — כאַפּט זיך הערשעלעם מוטער, אַז זי האָט ווייניג ליכט. שיקט זי דעם זוהן קויפען נאָך צוויי. האָט אָבער הערשעלע אומצופרידען אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן און געזאָגט: „מאַמע, דו האָסט דאָך שוין צוויי ליכט אין די לייכטער.“

יע, מיין קינד,“ — ענטפערט איהם די מוטער. — „דו ווייסט דאָך אָבער, אַז צום בענטשען האָב איך אַלע מאָל פיר ליכט.“

„אויב אַזוי,“ — מאַכט הערשעלע — „איז שטעל אַוועק די צוויי לייכטער, וואָס האָבען ליכט, פאַר'ן שפּיגעל, וועט זיין, ווי געוואונטשען, וועסט האָבען פונקט פיר.“ — דערביי האָט הערשעלע

זיך צעלאַכט און אַרויסגעלאָפען פון הויז צו גליי־
טשען זיך אויף די אייז, וואָס אין הויף.

די מוטער האָט אַ זיפץ געטאָן און געשיקט
מירעלען, הערשעלעס אינגערע שוועסטער, איינ־
צוקויפען די ליכט.

אויף מאָרגען, ביים עסען, האָט די מוטער
געגעבען מירעלען צוויי גרויסע געשמאַקע פלוי־
מען. פרעגט הערשעלע: „און מיר?"

ענטפערט די מוטער: „דיר, מיין זוהן, האָב
איך אַוועקגעלייגט אויפ'ן טישעל, וואָס פאַר'ן
שפיגעל." רופט הערשעלע אַן אומצופרידענער
אויס: „סטייטש, דאָרטען ליגט דאָך נאָר איין
פלוים!"

„ניין, צוויי," — מאַכט די מוטער. — „דו גיב
גוט אַ קוק, וועסטו זעהען: איין פלוים איז אויפ'ן
טיש, און די אַנדערע אין שפיגעל..." דאָ האָט
הערשעלע שוין פאַרשטאַנען, וואָס די מוטער האָט
געמיינט, און אַ פאַרשעמטער האָט ער אַרונטער־
געלאָזט די אויגען.

גלייכווערטלאך: ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפט מען. 2) וואָס מען זייט, דאָס שניידט מען.

מיין ליליע

איך האָב זיך אין מיין גאָרטען
אַ ליליע געפלאַנצט,
קומט אַלע טאָג דער זונשטראַל
און שטיפט מיט איהר און טאַנצט.

אויך קומען גוטע בינען
אַהערצו מיט געזום,
זיי קומען אָפט צו גאַסטען,
צו גאַסטען ביי מיין בלום.

די ליליע האַלט האָניג
אין בעכער אָנגעגרייט —
און זיי, די בינען, זויגען
די האָניג שטילערהייט.

בין איך אַזוי צופרידען!
גאַנץ אַנדערש וואָלט דאָך זיין,
ווען אין מיין גאָרטען פלאַנץ איך
די ליליע ניט איין.

מיט וועמען וואָלט דער זונשטראַל
זיך שפּילען דאַן געקאָנט?
ביי וועמען וואָלטען יעמאָלט
די בינען שפּייז געמאָנט?

דאָס פערד און דער פּראָש

צוויטשעריי צעקוועטשען
טשיקאַווע בייטש

דער זומער־רעגען האָט זיך ערשט געענ־
דיגט. די קינדער פון דאָרף האָבען זיך ווידער

אַרויסגעכאַפּט אויף דער גאַס. עס איז זיי פריילעך אומצולויפן אין די בלאָטיקע רינעס. אויך איז אַ פראָש אַרויסגעקראָכן אויפ׳ן וועג און זיך אַוועק־געזעצט ביי אַ ברעג רינע. גוט איז דעם פראָש — רונד אַרום איז שטיל, רוהיק, בלויז די צווימשערייַ פון די פויגלען הערט זיך און פון צייט צו צייט דאָס שושקען פון די בלעטער אויף די ביימער.

פּלוצלונג האָבען די קינדער באַמערקט דעם פראָש, האָבען זיי זיך צונויפגעקליבען אַרום איהם. „קוקט נאָר אָן, סאַראַ טשיקאַווע אויגען!“ — האָט אַ אינגעל אויסגערופען. „אוי, ווי העסליך! לאָ־מיר איהם גאָר אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצעל!“ — האָט אַן אַנדערער אַ זאָג געטאָן. און באַלד האָט מען אָנגעקליבען שפּיציגע ריטעלאַך און גענומען שטעכען דעם פראָש, ביז יענער האָט באַקומען וואונדען אין די זייטען. שפּרינגט אום דער אָרע־מער פראָש, וויל ערגעץ זיך באַהאַלטען, אָבער די אינגלאַך לאָזען ניט, זיי לאַכען גאָר און מאַכען זיך פריילעך.

ערשט אָט באַווייזט זיך אַ פערד מיט אַ וואָ־

געָן. לאָזען די קינדער איבער דעם פּראָש און טרעטען אָפּ אָן אַ זייט. אַן אַלט פערד איז דאָס געווען און דער וואָגען — אַן אָנגעלאָדענער, אַ שווערער. דער וועג איז אַ שלעכטער, אַ בלאָטיגער, האָט זיך דאָס מידע פערד קוים געשלעפּט. שטייען די אינגלאַך און קוקען — וואָס וועט דאָ באַלד זיין, ווי וועט עס דאָס פערד צעקוועטשען דעם פּראָש?

נאָר אָט איז דער וואָגען צוגעקומען גאַנץ נאָהענט. דערזעהען דעם פּראָש, איז דאָס פערד געבליבען שטיין. דער טרייבער האָט אַ שמיץ געטאָן מיט דער בייטש און בייז אויף איהם אָנגעשריען. האָט דאָס פערד אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, און אַוועקגעפירט דעם וואָגען.

דאָ האָט דער טרייבער באַמערקט דעם פאַרוואונדעטען פּראָש. „אַזוי גאָר!" — האָט ער אויסגערופען. — „טאַקע אַ שטומע צונג, און דאָך פאַרשטייט עס."

באַלד איז דער וואָגען פאַרשוואונדען. דער פּראָש איז געבליבען אויפ'ן וועג ניט צעקוועטשט

און די קינדער זיינען צוגעקומען אַ קוק טאָן. אָפּ־געשטאַנען אַ ווײַלע, זיינען זיי זיך גלייך צעגאַנ־גען. זיי האָבן געוואָלט אָנהייבן אַ שפּיל, איז זיי ניט געלונגען, עפּעס האָבן זיי זיך געשעמט.

דער ווינט

דער ווינט איז אַ גרעסערער
שטיפער פון מיר:
ער קלאַפּט אין די פענצטער
און רייסט אונדזער טיר.

ער טאַנצט אין די גאַסען
אַ ווילדען גאַלאָפּ
און רייסט פון די מענטשען
די הוטלען אַראָפּ.



וואָס גאָט טוט, איז גוט

אַ אידישער געלערנטער איז געווען אין וועג. מיט זיך האָט ער געהאַט אַן אייזעל, אויך אַ האָן, וואָס זאָל איהם וועקען, און אַ ליכט. פאַר נאַכט קומט ער אין אַ שטאָט זוכען נאַכטלעגער. ערשט קיינער לאָזט ניט אַריין. זאָגט ער: „אַלץ, וואָס גאָט טוט, איז גוט," און גייט אַוועק נעכטיגען אין פעלד.

ביינאַכט האָט אַ לייב פאַרצוקט דעם אייזעל, און אַ ווילדע קאַץ — דעם האָן. דערנאָך האָט דער ווינט אויסגעלאָשען דאָס ליכט. זאָגט דער מאַן ווידער: „אַלץ, וואָס גאָט טוט, איז גוט."

אויף מאָרגען דערוויסט זיך דער געלערנ־טער, אַז דורך דעם פעלד, וואו ער האָט גענעכ־טיגט, זיינען יענע נאַכט אָנגעקומען רויבער, באַפאַלען די שטאָט און אַלע איינוואוינער אַוועק־געפירט געפאַנגענע. זאָגט ער: „בין איך ניט גערעכט געווען? אַלץ, וואָס גאָט טוט, איז גוט."

אַ פראַגע: פאַרוואָס איז דער מאַן געווען גע־רעכט?

ביזשו

ביזשו פאַרבלאָנדזשעט

די קינדער פון דעם קליינעם געסעל האָבען געפונען אַ הונט. דער הונט איז טאַקע אַליין גע־קומען אַהין, ער האָט פאַרבלאָנדזשעט. נאָר אַזוי ווי די קינדער זיינען געווען די ערשטע און די איינציגע איהם צו באַמערקען, איז אויסגעקומען, אַז זיי האָבען דעם הונט געפונען.

געהייסען האָט דער הונט ביזשו. ניט גרינג איז די קינדער אָנגעקומען אויסצוגעפינען זיין נאָמען. אָבער אַז מען איז שוין ענדליך דערגאַנ־גען, ווי ער הייסט, האָט עס ערשט יעמאָלט אָנ־געהויבען זיך דאָס רעכטע געשילדער.

צוערשט האָט ביזשו באַקומען אַ היים. דאָס איז געווען אַזאַ הילצערן קעסטעל, וואָס מען האָט אַוועקגעשטעלט אונטער אַן אייכבוים. דאָ האָט עס ביזשו געזאָלט וואוינען. דערנאָך האָט מען זיך געכאַפּט, אַז ביזשו קען זיין הונגעריג. איז

איטליך קינד אויף גיך געלאָפּען אַהיים און גע־
בראַכט דעם הונט עפּעס צו עסען. דאַן האָט מען
באַרעכענט, אַז מען דאַרף דעם גאַסט רעכט
אויספּוצען. האָט אַ מיידעלע אָנגעבונדען דעם
הונט אויפ'ן האַלדז אַ גרויסען, רויטען באַנד.

ערשט איצטער האָט ביזשו גענומען אויס־
קוקען, ניט ווי אַבי וועלכער הונט, גלאַט אַ פרעמ־
דער, אַ פאַרבלאָנדזשעטער, נאָר טאַקע ווי אַ
הונט, וואָס האָט אַ שיינעם נאָמען, אַ זיכערע היים
און אַזוי פיל גוטע פריינד. נו, איז ביזשו געווען
דערפון שטאַרק צופרידען, אָבער נאָך צופרידע־
נער זיינען געווען די קינדער אַליין — ווי הייסט,
ביזשו איז דאָך ז י י ע ר הונט!

שפּעט אין אָוונט, אַז ביזשו איז שוין געווען
צוגעבונדען מיט אַ שטריק צום בוים און אַליין
איז ער שוין אַ זאַטער, אַ גליקליכער, געלעגען אין
זיין קעסטעל, יעמאָלט ערשט זיינען די קינדער
זיך צעגאַנגען איבער די הייזער. פונדעסטוועגען
האָט מען נאָך אַ לאַנגע צייט געקאָנט הערען, ווי

זיי שרייען פון דער ווייט: „אַ גוטע נאַכט, ביזשו! אַ גוטע נאַכט, ביזשו!“

אויף מאָרגען, ווי נאָר מען האָט זיך אויפגע־כאַפּט פון שלאָף, איז דער ערשטער געדאַנק ביי די קינדער געווען: ביזשו. אויף היינט האָט מען אָפּגערעדט אויסצולערנען דעם הונט אַלערליי קונצען — שפּרינגען איבער אַ שטעקען, שטיין אויף די הינטערשטע פיס און אַזוי ווייטער. האָט מען אויף שנעל אָפּגעפּריהשטיקט און זיך אַרויס־געכאַפּט אויף דער גאַס.



ערשט, אַז די קינדער זיינען זיך ווידער צו־זאַמענגעקומען אונטער'ן אייכבוים, זיינען זיי גע־

בליבען שטיין דערשראָקענע און פאַרוואונדער־
טע: ביזשו איז ניט געווען אין דער היים, דאָס
קעסטעל איז געשטאַנען אַ ליידיגס. פון דעם
שטיקעל שטריק, וואָס איז אַרונטערגעהאַנגען
פון בוים, האָבען די קינדער פאַרשטאַנען, אַז
ביזשו האָט זיך אָפּגעבונדען און, קענטיג, ערגעץ
אַנטלאָפען.

„ביזשו! ביזשו!" — האָבען די קינדער גע־
נומען רופען אין אַלע זייטען געסעל, אָבער אומ־
זיסט. ביזשו איז ניט געקומען. גרויס איז געווען
דער פאַרדראָס פון די קינדער. סטייטש, אַזוי פיל
געטאָן פאַר איהם, און אָט ווי ביזשו האָט זיי באַ־
צאָהלט! ווער האָט זיך עס גאָר געוואָלט ריכטען,
אַז ביזשו וועט אַזוי אָפּטאָן?

אַ גלייכוווערטעל: אַ הונט בלייבט אַ הונט.





מיינע פּאַסאַזשירען

אויפ׳ן טאַטענס שטעקען
פאַלט מיר איין צו רייטען
צו אַ לאַנד אַ שיינעם,
צו אַ לאַנד אַ ווייטען.

אָבער ניט אַליין דאָך
וועל איך נעמען פאָרען,
און אַ פּלאַן אַ רעכטער
ווערט בּיי מיר געבּאָרען.

ס׳קעצעל און דאָס הינטעל,
וואויל׳ע פּאַסאַזשירען,

צו דעם לאַנד דעם פרעמדען
וועל איך מיט זיך פירען.

זאָג איך זיי און ס׳דרייען
ביידע מיט די עקען,
קענטיג, עס געפעלט זיי
רייטען אויפ׳ן שטעקען.

זעצען מיר זיך אַלע,
זעצען מיר זיך אַרטיג
און צום לאַנגען פאָרען
מאַכען מיר זיך פאַרטיג.

טו־טו־טו! און ס׳הויבט שוין
אָן דער צוג זיך רירען;
פרייען זיך און קוועלען
מיינע פאַסאַזשירען.

פרייען זיך און קוועלען,
וואָס איך לאָז זיי רייטען
צו דעם לאַנד דעם שיינעם
צו דעם לאַנד דעם ווייטען.

דער באַשטראָפטער שמעטערלינג

זשאַסמין אָראַנזשענע אַוש

אין שײנעם זומער־טאָג זײנען אין פעלד אומגעפלױגען צװײ פרײליכע שמעטערלינגען. אײנער האָט געהאַט רױטליכע, אָראַנזשענע פלי־געלאַך, דער אַנדערער — װײסליכע. בײדע שמעטערלינגען האָבן זיך געשפּילט אויף דער זון, גליקליכע און צופרידענע.

אָט זײנען זײ פאַרבײגעפלױגען אַ דאָרנ־שטרויך, וואָס אויף איהם האָט אַ שוואַרצער, העס־ליכער שפּין אויסגעשפּרייט זיינע נעצען. דער שמעטערלינג מיט די אָראַנזשענע פליגעלאַך האָט זיך ניט אויסגעהיט און באַלד איז ער, נעבאַך, אַרײנגעפאַלען אין די שפּינוועבס. „שנעל, ברו־דער, שנעל!“ — האָט ער אויסגערופען צום ווײ־סען שמעטערלינג. — „פליה אַוועק צו דער פייע פון די שמעטערלינגען און זעה, זי זאָל גלייך אַהער קומען מיר אַרויסצוהעלפען אין מיין אומ־גליק!“

דער ווייסער שמעטערלינג האָט געפּאָלגט דעם געפאַנגענעם ברודער און געלאָזט זיך פלי־ הען אַזש צו דער אַנדער זייט פעלד. אָבער אין מיטען וועג האָט ער דערשפּירט דעם זיסען דופט פון זשאַסמינען, זיי זיינען געוואַקסען ערגעץ דער־ ביי. דער ווייסער שמעטערלינג האָט זיך ניט איינגעהאַלטען און אָפּגעשטעלט זיך אַ זויג טאָן אַביסעלע האָניג פון די דופטיגע בלימעלאַך.

אָנגענאַשט זיך זאַט, איבער־זאַט, האָט דער ווייסער שמעטערלינג זיך דערמאָנט אָן זיין אומ־ גליקליכען ברודער. אומזיסט אָבער האָט ער גענומען איצט איילען! ביז דער ווייסער שמע־

טערלינג איז געקומען צו פליהען אזש צו דער אנדער זייט פעלד, ביז ער האָט די גוטע פייע גע־פונען און ביז זיי זיינען ביידע געקומען צום אָראַנזשענעם שמעטערלינג — איז יענער שוין געווען אַ דערשטיקטער אויף טויט. דער שוואַר־צער, העסליכער שפּין האָט אָפּגעטאָן זיין אַרבעט.

דאָ אָבער האָט די גוטע פייע זיך דערוואוסט, פאַרוואָס דער ווייסער שמעטערלינג איז געקומען אַזוי שפּעט צו רופען, און, אַן אויפגעבראַכטע, האָט זי אויסגעשריען: „אַזוי נאַר, נאַשען האָניג ביי זשאַסמינען איז ביי דיר בילכער פון דעם ברו־דערס לעבען! אַך, דו האַרטהערציגער! דער־מיט האָסטו זיך נאָר פאַרדינט רעכט באַשטראָפט צו ווערען, און וואָס עס קומט דיר, וועסטו טאַקע באַלד פון מיר באַקומען."

די פייע האָט אַ מאַך געטאָן מיט איהר צויי־בער־שטעקעלע און גערעדט ווייטער: „פון דער איצטיגער מינוט אָן קאָנסטו שוין מעהר קיין פרייער שמעטערלינג ניט זיין. ניין, אין אַ שטרויך

זשאַממינען האָב איך דיך פאַרוואַנדעלט. אַלע בינען און שמעטערלינגען וועלען קומען טרינ־קען ביי דיר זיסע, דופטיגע האָניג, אָבער אומ־פליהען מיט זיי און טאַנצען אויף דער זון וועסטו מעהר קיינמאָל, קיינמאָל ניט קאָנען.“

א גלייכוווערטעל: אַ געטרייער פריינד העלפט היינט.

דאָס קראַנקע קינד

געשמייכעלט האָט דאָס מיילכעלע,
פון שלאָף געעפענט האַלב ;
געלעגען מאַט דאָס קעפעלע,
ווי ביי אַ קראַנקער שוואַלב.

געהאַלטען האָט זי צוגעדריקט
צום הערצעלע געטריי
די פופע מיט די ברוינע האָר
דעם הונט פון פאָרצעליי.

און אויסגעשפרייט איהר רייכטום איז
געלעגען לעבען איהר :
צוויי שפולכעלאַך, דריי בענדעלאַך,
פיר קווייטען פון פאַפיר...

דער קלאָאון

קאַליע	איבערקוליען	קאַפּעליע
ליאַרעם		פּליודערן

אַ פריייליכע צייט איז דאָס געווען. אַן אומ־פאַרענדיגער צירק האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטאָט אויף אַ פּאָר טעג. נו־נו, האָבען די קינדער, איבערהויפּט די אינגלאַך, געהאַט שוין איין מאָל פאַרגעניגען — ניט אַזוי פיל אין צירק, ווי אויף דער גאַס!

נאָך האַלבען טאָג איז אַ פריייליכער קלאָאון אומגעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטאָט צו דערמאָנען די איינוואוינער, אַז זיי זאָלען באַזוכען דעם צירק. אין איינעם מיט׳ן פריייליכען קלאָאון איז מיטגעגאַנגען אַ גרויסע קאַפּעליע קלעזמער. די קלעזמער האָבען געשפּילט און דער קלאָאון האָט געוויזען אַלערליי קונצען. פאַרשטייט זיך, אַ קינד אין וויג איז אויך ניט געבליבען. דאָס קליינוואַרג האָט זיך אַ שאָט געטאָן פון אַלע זייי־

טען און געלאָזט זיך באַגלייטען דעם קלאָון מיט די קלעזמער.

דערדאָזיגער קלאָון האָט אויסגעקוקט שרעקליך קאָמיש. געקליידט איז ער געווען אין אַזוינע ברייטע, ווייסע פּליודערן, באַדעקטע מיט גרויסע, רויטע פלעקען. אויפ'ן קאָפּ איז ביי איהם געווען עפּעס אַ שפּיציג היטעלע פון אַלערליי קאָלירען. מיט איין האַנט האָט ער געפירט הינטער זיך אַ קליין דערשראָקען אייזעלע מיט לאַנגע, לאַנגע אויערן, און אין דער אַנדער האַנט האָט

ער געהאַלטען אַ בייטש, וואָס מיט איהר האָט ער ניט אויפגעהערט שמייסען אין דער לופט אַריין.

אָט פלעגט דער קלאָאון אַ שפּרונג טאָן אין דער הויך, אַ שטעל טאָן זיך מיט ביידע הענט דעם אייזעלע אויפ׳ן רוקען און אַזוי אַוועקרייטען אַ שטיק וועג. דערביי פלעגט ער מאַכען אַזאַ קאָמישען ליאַרעם, אַז דאָס קליינוואַרג פלעגט ניט קאָנען זיך איינהאַלטען פאַר געלעכטער. באַלד פלעגט דער קלאָאון ווידער אַ שפּרונג טאָן אין דער הויך, זיך עטליכע מאָל איבערקוליען אין דער לופט, דאַן אַראָפּפאַלען אויף דער ערד און דערביי קווימשען: „אוי, אוי, אוי, קאַליע געמאַכט אַ קונץ, קאַליע געמאַכט אַ קונץ!“ האָט מען ווידער געלאַכט. און אַזוי — די גאַנצע צייט. ערשט פאַר נאַכט, ווען עס פלעגט שוין זיין גאַנץ טונקעל, פלעגט דער קלאָאון פאַרשווינדען און די קינדער פלעגען זיך אומקערען אַהיים.

אַז מען איז שוין געלעגען אין די בעטען, האָט יעדער אינגעל, מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגען, נאָך אַלץ געטראַכט וועגען דעם פריילִיכען

קלאָון. שטאַרק איינגעשלאָפען, האָט יעדער אינגעל געזעהען, ווי ער וואַקסט אויס אַ גרויסער, לערנט זיך אויס אַלערליי קונצען און ווערט אַליין אַ באַרימטער קלאָון. ער טראָגט קאָמישע פליך־דערן, גייט אום איבער די גאַסען אויף די הענט, קוליעט זיך איבער אַלע ווײַלע, אַ קאַפעליע קלעז־מער באַגלייט איהם אומעטום, און קינדער, די גאַנצע וועלט קינדער, לויפען נאָך איהם נאָך מיט פריי׳ליכען ליאַרעם און געלעכטער...

הערבסט

טוט אַ קינד ביים ווינט אַ פרעג:
„וואָס אַזוינס באַטייטען
דיין געבייזער און געוויין
אין אָקטאָבער־צייטען?“

ענטפערט אָפּ דער ווינט אויף גיך
מיט אַ שאַרפען פייפען:
„פפי! פפופי!.. הער אויס, מיין קינד,
וועסטו אַלץ באַגרייפען.

איך האָב פויגעלאַך פאַרמאָגט
אין דעם וואַלד דעם טיפען,

דאָרטען זינגען פלעגען זיי
און אין איינעם שטיפען.

איך האָב בלימעלאַך געהאַט
אין דעם פעלד דעם ברייטען,
דאָרטען לאַכען פלעגען זיי
און פאַרפומען שפּרייטען.

איצטער האָב איך זיי ניט מעהר —
פויגעלאַך און בלומען
זיינען ערגעץ ווייט אַוועק,
מיך ניט מיטגענומען...

אַט דעריבער שריי איך, קינד,
אַט דעריבער וויין איך —
מיינע קליינע פויגעלאַך,
מיינע בלומען מיין איך!"

אומזיסטער שרעק

מאַמעניו	סאָניע
זוהנעניו	צוטוליען

דער טאָג איז געווען אַ רעגענדיגער, איז בע־רעלע געזעסען אין הויז. מען האָט ערשט אָפּגע־געסען וואַרמעס. די מאַמע איז געווען פאַרנומען מיט'ן קליינעם ברודערל. סאָניע, די שוועסטער, האָט זיך געשפּילט מיט איהרע פּופּעס. אָבער בערעלע אַליין האָט ניט געהאַט, וואָס צו טאָן, איז איהם געווען לאַנגווייליג.

מיט אַ מאָל דערמאָנט זיך בערעלע אָן דעם בוך מיט די שיינע בילדער. דערפרייט ער זיך און לויפט אַריין אין זאַל. דאָרטען, לעבען דער פּיאַנע, שטייט אַ ברייטער, ווייכער שטול. זעצט זיך בערעלע אין איהם אַריין, עפענט דאָס בוך און לייענט.

בערעלע האָט געלייענט וועגען אַ קליינער אומגליקליכער מיידעלע, וואָס האָט ניט געהאַט קיין מוטער. אַך, ווי שלעכט עס איז איהר געווען!

פלוצלונג האָט זיך בערעלע פאַרטראַכט — ווי מאַכט מען, אַז אַלע, אַלע קינדער פון גאָר דער וועלט זאָלען זיין אַלע מאָל גליקליך? אַזוי טראַכטענדיג איז בערעלע איינגעשלאָפען. דאָס גרויסע, שווערע בוך מיט די בילדער האָט זיך אידם אַרויסגעגליטשט פון די הענט, און באַלד האָט ער דערזעהען אַ מערקווירדיגע זאַך.



בערעלע איז געווען אויף אַ גרויסער, טומעלדיגער גאַס מיט אַזוי פיל פרעמדע, ניט באַקענטע הייזער. מיט אַ מאָל דערהערט ער — אַ הונט בילט. בערעלע קוקט זיך אום, ערשט אַ גרויסער,

בייזער הונט טראָגט זיך מיט אַ ברייט געעפּענ־
טען פּיסק גלייך אויף איהם. דערשרעקט זיך בע־
רעלע און אַנטלויפט.

אָט קלאַפּט ער זיך אָן אין אַ טיר, אָבער קיי־
נער ענטפערט ניט. קלאַפּט זיך בערעלע אין אַן
אַנדער הויז, ערשט מען לאָזט איהם ווידער ניט
אַריין. מיט אַ מאָל באַווייזט זיך אימעצער און
טרייבט בערעלען אַוועק. „וואָס קלאַפּסטו זיך
אַהער ? דאָ איז ניט דיין היים און קיינער דאַרף
דיך דאָ ניט האָבען.“

וואונדערט זיך בערעלע. ווי הייסט ? וואו
איז זיין היים ? וואו איז די מאַמע, דער טאַטע ?
און פּלוצלונג דערמאָנט זיך בערעלע, אַז ער האָט
גאָר ניט קיין היים און קיין עלטערן. היינט ווער
וועט איהם באַשיצען פון דעם בייזען הונט ? וואו
זאָל ער זיך פון איהם באַהאַלטען ? און פאַר גרויס
האַרצקלעמעניש פאַנגט בערעלע אָן צו וויינען.

נאָר ווער טרייסעלט דאָס בערעלען ? ווע־
מעס ליבליכע רייד הערט ער דאָס איבער זיך ?
וואָס איז בערעלע ? וואָס איז, מיין זוהנעניו ?

כאַפּ זיך אויף, כאַפּ זיך אויף!" בערעלע עפּענט די אויגען און דערזועהט: לעבען איהם שטייט די טייערע מאַמע, אַליין זיצט ער אין דעם גרויסען, ווייכען שטול. וואָס האָט מיט איהם פּאַסירט? ערשט באַלד כאַפּט ער זיך, אַז דאָס איז ער איינגעשלאָפען. אַ ליגען, אַ ליגען — ער האָט אַ היים, ער האָט אַ מאַמע. אָט שטייט זי דאָ, רעדט און לאַכט צו איהם.

שפּרינגט בערעלע אויף גליקליך, איבערגליקליך, נעמט די מוטער אַרום, טוליעט זיך צו איהר צו, קושט זי און רופט אויס פאַר פרייד מיט טרערען אין די אויגען: „מאַמעניו, טייערינקע, אַיע, איך וועל דיך אַלע מאָל, אַלע מאָל האָבען?"

וויגליד

אַליע־ליו־ליע, אַליע־ליו־ליע,
שלאָף, מיין טייערער אין רוה —
גוט איז דעם, וואָס האָט אַ מאַמע
און אַ וויגעלע דערצו.

אַלצדינג קאָן מען נאָך געפינען,
אַלצדינג קריגט מען נאָך פאַר געלט,
נאָר אַ מאַמע — זי איז איינע,
זי איז איינע אויף דער וועלט.

סולטאַן

אַרעלע האָט געהאַט אַ גרויסען הונט, סול־טאַן. אַ שיינער און אַ קלוגער איז סולטאַן געווען. אַלערליי קונצען האָט ער געקענט, און דערפאַר האָט איהם אַרעלע שטאַרק האָלט געהאַט. אַלע מאָל פלעגט ער מיט'ן הונט זיך שפּי־לען און אומעטום פירען מיט זיך אויף אַ קייט.

איין מאָל זיינען צו אַרעלען געקומען געסט. דאָס זיינען געווען זיינע צוויי שוועסטערקינדער, פערעלע און עטעלע. דער הונט האָט די מיי־דעלאַך ניט געקענט, און אויף פרעמדע פלעגט

ער אַלע מאָל שפּרינגען און בילען. ווי נאָר פּע־
רעלע און עטעלע האָבען זיך באַוויזען, האָט
סולטאַן טאַקע בייז זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיי.
„הער אויף, סולטאַן, הער אויף!“ — האָט אַרעלע
אָנגעשריען. — „דאָס זיינען מיינע שוועסטער־
קינדער.“

אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, האָט סולטאַן, אַ
פאַרשעמטער, גענומען דרייען דעם עק. דאַן
איז ער צוגעגאַנגען צו פּערעלען, אַ לעק געטאָן
מיט דער לאַנגער, ווייכער צונג אירע שיכלאַך,
און דערנאָך געטאָן דאָס אייגענע מיט עטעלען.
ביים הונט האָט עס געהייסען, אַז דאָס באַקענט
ער זיך מיט די געסט.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט אַרעלע געוויזען די
מיידעלאַך, סאַראַ געשיקטער הונט סולטאַן איז.
אָט האָט ער געהייסען סולטאַנען שטעלען זיך
אויף די הינטערשטע פיס. אָט האָט דער אינ־
געל אַרויפגעלייגט איהם אויפ'ן פּאַרריסענעם נאָז
אַ שטיקעל צוקער. „איינס, צוויי דריי, כאַפּ!“
האָט ער אויסגעשריען, און מעהר האָט סולטאַן

ניט געדאַרפֿט. אַ שפּרונג אין דער לופֿטען און שוין איז דאָס שטיקעל צוקער געווען בײַ איהם אין פּיסק.

סולטאַן האָט בײַ די מיידעלאַך שטאַרק אויסגענומען מיט זיינע קונצען. ניט אומזיסט האָבען זיי אַזוי פרייליך געלאַכט און אַזוי פריינדליך געפֿירט מיט די הענט איבער זיין רוקען. סולטאַן האָט שטאַרק אָנגעקוואָלען פון די געסט, איבערהויפּט ווען די מיידעלאַך האָבען איהם אָנגעבונדען אַ גרויסען רויטען באַנד אַרום האַלדז. אַך, ווי צופֿרידען, ווי גליקליך סולטאַן האָט זיך דאַן דערפֿיהלט!

עטעלע האָט געהאַט אַ גרויסען באַל, האָבען די קינדער איהם גענומען וואַרפֿען אין דער לופֿטען און כאַפּען. פאַרשטייט זיך, אַז סולטאַן איז אויך צוגעשטאַנען צום שפּיל, און געשפּילט האָט ער טאַקע געשיקטער פון אַלעמען. אַלע מאָל, ווען דער באַל פלעגט נאָר פאַלען אויף דער ערד, פלעגט דער הונט זיין דער ערשטער איהם צו כאַפּען און אַנטלויפֿען אין דער ווייט אַריין.

אַז אַרעלע האָט זיך גוט אָנגעשריען און זיינע געסט האָבען זיך גענוג אָנגעלאַכט, יעמאָלט ערשט פלעגט סולטאַן אַ צופרידענער, אַ זיגרייכער צוריקקומען מיט'ן באַל צווישען די ציין.

אָט האָט סולטאַן דערזעהען די שיינע פופע וואָס פערעלע האָט מיטגעבראַכט. פאַרטראַכט ער זיך: „אויב דער באַל פאַרשאַפט אַזוי פיל פאַרגעניגען, היינט וואָס וועט זיין, אַז מען זאָל שפילען מיט דער פופען?“ לאַנג ניט געוואַרט, טוט סולטאַן אַ כאַפּ מיט די ציין די אַרעמע פופע און לאָזט זיך אַנטלויפען — צו פערעלעס גרעסטען שרעק. אַך, אין וואָס פאַר אַ ביטערען געוויין פערעלע האָט אַרויסגעפּלאַצט און ווי צעטומעלט אַרעלע איז געוואָרען! „סולטאַן! סולטאַן!“ — האָט דער אינגעל זיך אַ וואָרף געטאָן נאָכ'ן הונט. ערשט נאָך אַ לאַנגען לויפען און שרייען, האָט אַרעלע ענדליך סולטאַנען אָנגעיאָגט. האַסטיג האָט ער אַרויסגעכאַפּט די פופע פון סולטאַנס פיסק און דערביי, פאַר גרויס ערגערניש, געוועלט איהם אַ זעץ טאָן מיט'ן פוס.

סולטאַן איז אָבער פלינק אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט און געבליבען ניט באַשעדיגט.

באַקומען די פּופּע, האָט זיך פּערעלע באַרוהיגט, אָבער ווייטער שפּילען האָבען די קינדער שוין ניט געוועלט. זיי זיינען אַריין אין הויז, איבערלאָזענדיג דעם הונט אַליין. סולטאַנען איז געוואָרען אומעטיג און ער האָט גענומען זיך אַליין שטראָפען: „אַט וואָס דו האָסט אָנגעאַרבעט! קאַליע געמאַכט אַזאַ שיין שפּיל. רעכט אויף דיר! האָסטו ניט געזאָלט כאַפּען פּערעלעס פּופּע.“

פלוצלונג איז פאַרבייגעלאָפען די הויז־קאַץ און פאַרשוואונדען אין איינער פון די טירען. סולטאַנען האָט עפּעס אַ קלעם געטאָן ביים האַרצען. די קאַץ שלאָגט אַרעלע קיינמאָל ניט, און אויף איהם, סולטאַנען, האָט אַרעלע היינט אַ הויב געטאָן דעם פוס. באַלד אָבער האָט דער הונט דערמאָנט זיך אָן דעם שיינעם רויטען באַנד, וואָס די מיידעלאַך האָבען איהם געשאָנקען און גלייך איז איהם געוואָרען גרינגער אויפ'ן האַר־

צען. עס איז פאַרבייגעפלויגען אַ גרויסע, שוואַר־
צע פליג און סולטאַן, ווי אַלע מאָל, האָט צוערשט
זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך איהר, זי צו כאַפּען. ער
האָט זיך אָבער באַלד איינגעהאַלטען און געלאָזט
די פליג צורוה. עפּעס איז איהם ניט אָנגעשטאַ־
נען. ניט שיין. ווי הייסט דאָס, אַ הונט מיט אַ
באַנד אויפ'ן האַלדז זאָל גאָר כאַפּען פליגען?

יאָסעלעס פראַגעס

איין טאָג איז יאָסעלע, אַ קינד פון רייכע
עלטערן, געקומען צוגאַסט צו בערעלען, דעם
זוהן פון אַן אָרעמען טישלער. דערזעהט יאָסעלע,
אַז דאָס הויז ביים טישלער איז ליידיג. פרעגט ער:
„וואו איז אייערע מעבעל?" ענטפערט בערע־
לע: „מיר האָבען ניט קיין מעבעל."

„ווי הייסט, וואו איז דאָס בעט, אין וועלכען
דו שלאָפסט?"

„מיר האָבען ניט קיין בעטען. מיר שלאָפען
אַלע אויף דער ערד."

טוט יאָסעלע אַ קוק אויף דער ערד און רופט פֿאַרוואונדערט אויס: „בײַ אייך איז דאָך קיין דיל ניטאָ!“ מאַכט בערעלע טרויעריק: „יע, ניטאָ.“

קומט יאָסעלע אַהיים און זעהט, ווי די דינסט וואַשט גרעט. רופט ער זיך צו איהר אָן: „זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, ווער מאַכט עס מע־בעל?“ ענטפֿערט יענע: „דער טישלער מאַכט מעבעל.“

„היינט פֿאַרוואָס האָבען מיר מעבעל אין אַלע צימערן, און בײַ בערעלען, וואָס זיין טאַטע איז אַ טישלער, איז דאָס הויז ליידיג?“ מאַכט די דינסט: „דאַרפֿסטו פֿרעגען וועגען דעם טיש־לער? אַמעהר פֿרעג בעסער וועגען מיר. אָט וואַש איך אויף אייך אַלעמען און גרייט אייך צו ריינע וועש און קליידער, און דאָך אַליין גיי איך אָנגעטאָן אין שמוציגע שמאַטעס.“

גייט יאָסעלע אַוועק פֿון איהר און טרעפֿט אָן גענדז אין הויף. רופט ער זיך אָן צו זיי: „ליבע גענדזעלאַך, ענטפֿערט מיר אויף צוויי פֿראַגעס: פֿאַרוואָס האָט ניט דער טישלער קיין מעבעל אין

הויז? און פאַרוואָס גייט אום די וועשערין אין שמוציגע שמאַטעס?" האָבען די גענדז גענומען גאַגאַקען: „וואָס דאַרפסטו פרעגען וועגען דעם טישלער און דער וועשערין, אַמעהר פרעג בעסער וועגען אונדז? אָט גיבען מיר אַלעמען פעדערן, פונדעסטוועגען שלאָפט איהר אויף ווייכע קישענס, און מיר — אויף דער האַרטער, הוילער ערד."

גייט יאָסעלע אַוועק פון די גענדז און קומט צו אַ קוה. „ליבע קוה, איך האָב דיר צו שטעלען דריי פראַגעס: פאַרוואָס מאַכט דער טישלער מעבעל, און דאָך האָט ניט זיין הויזגעזינד קיין בעטען? פאַרוואָס וואַשט אונדזער דינסט גרעט, און אַליין גייט זי אום אין שמוציגע שמאַטעס? און פאַרוואָס שלאָפען די געגדז אויף דער הוילער ערד, ווען זיי אַליין גיבען דער גאַנצער וועלט פעדערן אויף קישענס?"

האָט די קוה גענומען מוקען: „נאַכסאָל פרעגען וועגען זיי? אַמעהר פרעג וועגען מיר. אָט גיב איך אַלעמען מילך, און מיין קעלבעל, אַן

איינעץ קינד, שטייט אַ גאַנצען טאָג פאַרשפּאַרט אין אַ פינצטערען שטאַל. איך מוקע און מוקע צו איהם, אָבער ביז מען נעמט פון מיר ניט אַוועק אַ פולען עמער מילך, לאָזט מען מיר מיין קינד ניט אָנזויגען."

איז יאָסעלע אַוועק פון דער קוה און געקומען צו אַ שעפּסעל. „מיין ליב שעפּסעל, איך האָב דיר צו שטעלען פיר פראַגעס: פאַרוואָס האָט ניט דער טישלער קיין מעבעל? פאַרוואָס גייט די וועשערין אום אין שמוציגע שמאַטעס? פאַרוואָס ליגען גענדז אויף דער הוילער ערד, דאַן ווען זיי גיבען אַלעמען פעדערן אויף קישענס? און פאַרוואָס שטייט דאָס קעלבעל פאַרשפּאַרט אין שטאַל, און זיין מאַמעס מילך טרינקען אַנדערע?

נעמט דאָס שעפּסעל מעקען: „וואָס פרעגסטו וועגען זיי? אַמעהר פרעג בעסער וועגען מיר. אָט זעהסטו, ווי עס טרייסעלט מיך פאַר קעלט? דאָס האָט מען מיך ערשט אָפּגעשאָרען, און פון מיינע וואָל וועט מען דיר מאַכען אַ וואַרעמען אָנצוג."

איז יאָסעלע געקומען אַהיים. „מאַמע, איך
האָב דיר צו שטעלען פינף פראַגעס: פאַרוואָס
האָט דער טישלער ניט קיין מעבעל ביי זיך אין
הויז? פאַרוואָס גייט אונדזער דינסט אום אין שמו־
ציגע שמאַטעס? פאַרוואָס שלאָפען מיר אויף קי־
שענס, און די גענדז — אויף דער הוילער ערד?
פאַרוואָס טרינקען מיר די מילך פון דער קוה, און
איהר קעלבעל שטייט פאַרשפאַרט אין שטאַל?
און פאַרוואָס גייט דאָס שעפסעל אום נאַקעט, און
פון זיינע וואָל מאַכט מען מיר אַ וואַרעמען
אָנצוג?"

אָבער יאָסעלעס מוטער איז געווען מיט
עפעס פאַרנומען, האָט זי איהם קיין ענטפער ניט
געגעבען. פאַרשרייבט יאָסעלע אַלע פינף פראַ־
געס אין אַ קעשענע־ביכעל און מאַכט צו זיך
אַליין: „אַז איך וועל אויסוואַקסען, וועל איך שוין
אַליין געפינען אַן ענטפער אויף דידאָזיגע פראַ־
געס!"